STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05097

# DERTSYUNGS-PROGRAM FAR DI SHULN FUN TS. K. FUN DI YIDN IN POYLN

L. Lozowski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

כ. לאזאווסקי

# דערציִונגס-פּראָגראַם

## פאר די שולן פון צ. ק. פון די יידן אין פוילן

(פּראָיעקט)

צענטראל-קאמיטעט פון פוילישע יידן
אָפּטײלונג פאר קולטור און פראפאגאנדע
ווארשע, שענגע 60

אויסגאבע פון דעם צ. ק. פון די יידן אין פוילן
ווארשע ◆◆ 1948

L. Łozowski

PROGRAM WYCHOWAWCZY
dla szkół C. K. Ż. w P.

(projekt)

Wydz. Ośw. Centr. Kom. Żydów w Polsce.

Drukarnia № 1 CKŻ w P, W-wa, Tłomackie 5.

# פאָרוואָרט פון דער צענטראַלער בילדונגס-אָפּטיילונג

סיזייגען אוועק צוויי יאָר. די לאָדזשער לערער־קאָנפערענץ האָט אין איר פּרינציפּיעלער דעקלאַראַציע פעסטגעשטעלט די דערציערישע יסודות און ריכט־ליניעס פון אונדזער שול־וועזן און האָט באַאויפטראַגט דעם צ. ק. פון די יידן אין פוילן אויסצואַרבעטן אַן אויספירלעכן דערציונגס־פּראָיעקט פאַר אונדזערע שולן. די דערפאַרונג פון די פאַרגאַנגענע צוויי יאָר האָט באַוויזן, אַז די לערער־קאָנפערענץ האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט די פּערספּעקטיוון פון דער יידישער ווירקלעכקייט און במילא אויך פון דעם יידישן שול־וועזן אין פוילן. די קאָנסאָלידאַציע פון דעם יידישן ישוב אין פוילן האָט פאַר דער דאָזיקער צייט געמאַכט אַזעלכע דעצידירנדיקע פאָרשריט, אַז די אַלגעמיינע פּרינציפּיעלע ריכטליניעס פון דער לערער־קאָנפערענץ, וועלכע האָבן דאַן אין יאָר 1946, געהאַט דעם כאַראַקטער פון אידעישע לאָזונגען, האָבן היינט באַקומען א רעאַלע געזעלשאַפטלעכע באַזע, אַזוי, אַז איצט קאָן מען שוין מיט דער גאַנצער זיכערקייט פעסטשטעלן, אַז די טעזן פון דער לערער־קאָנפערענץ האָבן אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פון לעבן. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז די נויטווענדיקייט פון אַן אויספירלעכן דערציונגס־פּראָגראַם געוואָרן נאָך דרינגנדיקער און אַקטועלער.

דער פּראָגראַם־פּראָיעקט פון דעם לייטער פון אונדזער שול־סעקציע ה׳ ל. לאַזאָווסקי שטעלט פאָר מיט זיך דעם ערשטן פרווו צו געבן אין אַ ברייט־פאַרמאָסטענער פאָרם סיי די אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעך־פּעדאַגאָגישע אידעאָלאָגיע פון אונדזער שול־וועזן, סיי דעם פּאָסטולירטן גייסטיקן פּראָפיל פון אונדזער יוגנט, סיי אונדזער אַקטועלע דידאַקטישע צילן אויפן פאָן פון דער גרויסער פוילישער שול־רעפאָרם; גלייכצייטיק האָט דער מחבר געשטרעבט פאַנאַנדער־צושיפירן די אַלגעמיינע פאָרמולן פון דער לערער־קאָנפערענץ און אויסדריקן זיי אין קאָנקרעטע דערציערישע אויפגאַבן פאַר דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט.

דער פּראָיעקט פון ח׳ לאַזאָווסקי, וועלכער שטעלט פאָר מיט זיך א פּיאָנערישע אַרבעט, דאַרף נישט באַטראַכט ווערן ווי דאָס לעצטע וואָרט פון אונדזער שול־וועזן אין דער פראַגע פון אַ דערציונגס־פּראָגראַם, באַזונדערס, דערפאַר, וואָס די געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע אַנטוויקלונג פון פוילן פאַר דער לעצטער צייט האָט בכלל געעפנט א נייע פּערספּעקטיוו פאַרן פוילישן שול־וועזן און במילא אויך

פאר די פאַרמלוכהשטע יידישע שולן. מיר גיבן זיך אָפּ א חשבון, אַז אזא וויכטיקער ענין, ווי א דערציונגס־פּראָגראַם, קען נישט זיין קיין רעזולטאַט פון דער קאַבינעט־ארבעט פון א יחיד און קען נישט דעקרעטירט ווערן פון אויבן. נאָר אַז ער דאַרף זיך אויסקריסטאַליזירן אויפן פּרוּווּשטיין פון דערפאַרונג און אין קאַמף פון מיינונגען.

ארויסגעבנדיק דעם פּראָיעקט פון ח׳ לאָזאָווסקי שטעלן מיר זיך די פאָלגנדיקע צילן: ערשטנס געבן א מעגלעכקייט אונדזערע לערער און דערציער צו קאָנפראָנטירן זייער צוויי־יאָריקע דערפאַרונג מיטן דאָזיקן פּראָיעקט, און צווייטנס, געבן אונדזער לערערשאַפט און אונדזערע שול־ און קולטור־טוער א ברייטע באַזע פאר א גרינטלעכן און אלזייטיקן אויסטויש פון מיינונגען.

מיר אפּעלירן דעריבער צו אונדזערע לערער און דערציער, צו אונדזערע שול־ און קולטור־טוער און בכלל צו אלע אינסטיטוציעס און פּערזאָנען, וועלכע האָבן אן אינטערעס פאר די פּראָבלעמען פון אונדזער דערציונג, זיי זאָלן גענוי זיך באַקענען מיטן פּראָיעקט פון ח׳ לאָזאָווסקי. דער דאָזיקער פּראָיעקט דאַרף דיסקוטירט ווערן אויף די פּעדאַגאָגישע ראַטן ווי אויך אויף זיצונגען און באַראַטונגען פון אונדזערע קולטור־אינסטיטוציעס; ער דאַרף אַלזייטיק באַהאַנדלט ווערן אין דער פּרעסע און אין אַנדערע אויסגאַבן. ערשט אויפן גרונט פון די דאָזיקע מאַטעריאַלן און באַטראַכטונגען וועט שפּעטער קענען אויסגעארבעט ווערן דער ענדגילטיקער אָפיציעלער דערציונגס־פּראָגראַם פאר אונדזערע שולן.

צענטראַלע בילדונגס-אָפּטיילונג
ביים צ. ק. פון די יידן אין פּוילן

# רעזאָלוציע פון דער לערער־קאָנפערענץ

די ערשטע קאָנפערענץ פון די יידישע שולן ביים צ. ק. פון די יידן אין פוילן האָט אויסגעהערט און באַהאַנדלט א ריי רעפעראַטן וועגן דער לאַגע, וועגן די צילן און וועגן דער פּראַקטישער אַרבעט פון די שולן און דערציונגס־אַנשטאַלטן.

1. די קאָנפערענץ דערקלערט פייערלעך, אַז זי באַטראַכט דעם יידישן ישוב אין פוילן אַלס אַ דויערהאַפטן סטאַבילן באַשטאַנד־טייל פון דער פוילישער דעמאָקראַטישער רעפובליק.

2. די קאָנפערענץ דערקלערט פייערלעך, אַז זי באַטראַכט דעם יידישן ישוב אין פוילן צוגלייך מיט אַלע אַנדערע יידישע קבוצים — אַלס אַ דויערהאַפטן סטאַבילן באַשטאַנד־טייל פון יידישן פאָלק.

3. די יידישע שול האָט דעם ציל צו געבן דעם יונגן יידישן דור אַ נאַציאָנאַלע, דעמאָקראַטישע און וועלטלעכע דערציונג אין גייסט פון די פּראָגרעסיווע סאָציאַלע אידעען פון אונדזער צייט.

4. די קאָנפערענץ פאָדערט אויף אַלע לערער און שול־טוער צוזאַמען זיך אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט צו די אויבן אָנגעצייכנטע הויפּט־פּרינציפּן פון דער יידישער שול: בפרט דאַרף תיכף פאַרווירקלעכט ווערן אין דער פולער מאָס דער פּרינציפּ פון דער יידישער לערן־שפּראַך מיט אַ ברייטער באַריכטזיבטיקונג פון העברעיש לויטן פּראָגראַם פון צ. ק. פון די יידן אין פוילן.

5. דאָס שול־ און דערציונגס־וועזן פון צ. ק. פון די יידן אין פוילן דאָס איז די שול פון דעם יידישן ישוב אין פוילן. די שטרעבונגען פון די באַזונדערע געזעלשאַפטלעכע ריכטונגען קאָנען געפינען זייער אויסדרוק אין די ראַמען פון דעם דאָזיקן איינהייטלעכן שול־וועזן, און דעריבער דאַרפן אַלע פּרוּוון צו גרינדן באַזונדערע אַנשטאַלטן מחוץ דער נעץ פון צ. ק. באַטראַכט ווערן אין איצטיקן מאָמענט אַלס פאַרשווענדונג פון נאַציאָנאַלע כוחות.

6. די קאָנפערענץ, שטייענדיק אויפן באָדן פון דער הייַנטיקער דעמאָקראַטישער פּוילישער שול־רעפאָרם, פאַרפּליכטעט זיך צו רעאַליזירן די דאָזיקע רעפאָרם אויפן אָפּשניט פון יידישן שול־ און דערציונגס־וועזן. די לערע פון פּויליש אַלס מלוכה־שפּראַך דאַרף אוועקגעשטעלט ווערן אויף אַ געהעריקער הויך.

7. די קאָנפערענץ האַלט, אַז ס׳איז רייף געוואָרן די צייט אויסצואַרבעטן אַ קאָנקרעטיזירטן דערציונגס־פּראָגראַם פאַר אונדזערע שול־ און דערציונגס־אַנשטאַלטן, און דעריבער דאַרף דער צ. ק. אין דער נאָענטסטער צייט רעאַליזירן די דאָזיקע אויפגאַבע.

8. די קאָנפערענץ האַלט, אַז דאָס יידישע שול־ און דערציונגס־ וועזן פון דעם צ. ק. פון די יידן אין פוילן דאַרף אָנערקענט ווערן אַלס די מלוכה־שול פאַרן יידישן ישוב אין פוילן.

דער מחבר וועט זיין גליקלעך, אויב זיין דערציִונגס־פּראָגראַם וועט כאָטש אין דער מינדסטער מאָס מיטהעלפן אַרויסצוציִען דאָס הייפל יידישע קינדער, וועלכע זיינען אונדז פאַרבליבן נאָכן דריטן חורבן, אויפן וועג פון אַ ליכטיקער צוקונפט.

# פאָרוואָרט

די בלוטיקע קייט פון דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן און האָט זיך געשלאָסן אויף דער פּוילישער ערד. דאָ זיינען געפאַלן די ערשטע פאַרברעכערישע שאָסן פון די היטלערישע אַרמייען און דאָ האָט די זיגרייכע רויטע אַרמיי — די באַפרייערין פון פעלקער און די רעטערין פון דער מענטש־לעכער קולטור — געגעבן דער פאַשיסטישער בעסטיע די לעצטע צעשמעטערנדי־קע טויט־קלעפּ. די פּאָליטישע געשיכטע פון פּוילן פאַר די לעצטע 10 — 12 יאָר סימבאָליזירט מיט אַ באַזונדערער דייטלעכקייט און שליסט איין ווי אין קלאַמערן, דעם גרויסן איבערברוך, וועלכן די וועלט האָט דורכגעמאַכט פאַרן דאָזיקן פּעריאָד. דער פּשוטער און טיפער אינהאַלט פון דעם דאָזיקן איבערברוך טרעט אַרויס באַזונדערס בולט דווקא אין פּוילן, ווו מיר האָבן אוממיטלבאַר איבערגעלעבט די יאָרן פון דער פּאָליטישער עקספּאַנסיע פון דעם פאַשיזם און דורכן בלוטיקן מבול פון דער וועלט־מלחמה זיינען מיר צוגעשוווּמען צום ניילאַנד פון אַ נייעם דעמאָקראַטישן אויפגאַנג. דעם זעלבן שטורמישן קרייז האָט דורכגעמאַכט אויך די פּוילישע שול, און דעריבער פילט זיך באַזונדערס שטאַרק גראָד ביי אונדז, אין פּוילן, — דער רעוואָלוציאָנערער איבערברוך אין דעם שול־וועזן.

ווען די רויטע אַרמיי צוזאַמען מיט דער פּוילישער אַרמיי האָבן נאָך געשטורעמט די לעצטע פעסטונג פון פאַשיזם, ווען דער אָטעם פון מלחמה האָט זיך נאָך געטראָגן איבער אונדזערע חרובֿע שטעט און דערפער, ווען ס'איז נאָך געווען אין פּוילן גאַנג די גרויסע כוואַליע פון דער רעפּאַטריאַציע, איז שוין דער קליינער ישובֿ אין פּוילן אונטער דער אָנפירונג פון די יידישע קאָמיטעטן צוגעטראָטן צו בויען אַ ניי לעבן אויף די חורבֿות פון דעם אַמאָליקן מעכטיקן יידישן ישובֿ. איינע פון די ערשטע און וויכטיקסטע אויפגאַבן, וועלכע די קאָמיטעטן האָבן זיך געשטעלט, איז געווען: שאַפן אַ נעץ פון שולן, קינדער־היימער און אינטערנאַטן פאַרן יידישן קינד.

דער דאָזיקער שעפערישער דראַנג צו אַ נייער קולטור־בויאונג האָט פאַר־מאָגט נישט נאָר פּראַקטישע אימפּולסן. אמת, די נויטווענדיקייט צו שאַפן

א שול און א היים פאר די פארוואָרלאָזטע און פאַרפּייניקטע יידישע קינדער, וועלכע האָבן אין די אָקופּאַציע־יאָרן פארלוירן זייער קינדהייט, איז געווען א זעלבסטפאַרשטענדלעכע און א דרינגענדיקע, אָבער דער נייער מעכטיקער קולטור־דראַנג האָט געהאַט טיפערע וואָרצלען: די פארבליבענע רעשטלעך פון דעם פוילישן יידנטום האָבן פון ערשטן מאָמענט אָן דערפילט, אז זיי זיינען יורשים פון א גרויסער און רייכער וועלט, וועלכע איז פארשניטן געוואָרן, אז אויף זיי ליגט דער חוב איבערצונעמען די גייסטיקע ירושה פון די אוועקגעקומענע און שמידן ווייטער די גאָלדענע קייט, וועלכע איז איבערגעריסן געוואָרן דורך דער בלוטיקער מלחמה. אין דעם דאָזיקן קולטור־דראַנג האָט זיך אויסגעדריקט דער אינסטינקט פון גייסטיקער זעלבסטדערהאַלטונג. דער ספּאָנטאַנישער אימפּולס צו קאָמפּענסירן דעם פארלוירענעם כמות דורך א נישט־פאַרשמעלערטן און באַנייטן איכות, דער ווילן גובר צו זיין די שטימונגען פון איכה ישבה און דעם יתומים־קאָמפּלעקס און צו פארבלייבן אויפן אויבערפלאַך פון דער געשיכטע. מיט דער דאָזיקער קולטור־אַקציע האָבן מיר זיך לעגיטימירט פאר זיך אליין און פאר דער וועלט אלס אן אומשטערבלעך קולטור־פאָלק און מיר האָבן אריינגעשריבן א נייעם קאַפּיטל אין דער אלטער געשיכטע פון עם־הספר.

אין משך פון א יאָר—אַנדערהאַלבן האָט זיך דאָס נייע יידישע שול־וועזן אזוי צעוואַקסן און האָט געשלאָגן אזעלכע טיפע וואָרצלען, אז צום אָנהויב פון 1946/47 שול־יאָר האָט זיך סטיכיש דערפילט די נויטיקייט צוזאַמענצוקומען זיך, אונטערצופירן א ס״ה פון דער אָפּגעטאָנענער ארבעט און אָנצומערקן דעם אידעיִשן אינהאַלט, די צילן און די ריכטליניעס פון אונדזער שול־וועזן. ס'איז געוואָרן אקטועל די פראַגע וועגן א לערער־קאָנפערענץ. אָנהויב נאָוועמבער 1946 איז די קאָנפערענץ צושטאַנד געקומען אין לאָדזש.

די פּרינציפּיעלע אידעיִשע דעקלאַראַציע פון אונדזער לערער־קאָנפערענץ פארדינט אין דער פולער מאָס באַצייכנט צו ווערן ווי א היסטאָרישער דאָקומענט. די דעקלאַראַציע האָט קודם־כל מאַניפעסטירט פאר דער וועלט, אז מיר זיינען דאָ און מיר האָבן דעם פעסטן ווילן צו לעבן אלס קולטור־פאָלק. זי האָט פעסטגעשטעלט, אז מיר באַטראַכטן זיך פאר אן אָרגאַנישן און סטאַבילן טייל פון דעם אלוועלטלעכן יידישן פאָלק און פון דער פּוילישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק. זי האָט געשטעלט אונדזער שול די אויפגאַבע צו געבן דעם יונגן יידישן דור א נאַציאָנאַלע און דעמאָקראַטישע דערציונג אין גייסט פון די פּראָגרעסיווע סאָציאַלע טענדענצן פון אונדזער צייט. חוץ דעם האָט די דעקלאַראַציע פעסטגעשטעלט, אז די שול־נעץ פון צ. ק. — דאָס איז דאָס שול־וועזן פון דעם יידישן קבוץ אין פּוילן, און האָט אויסגעדריקט די גרייטקייט פון דער יידישער לערערשאַפט צו רעאַליזירן אויפן אָפּשניט פון דעם יידישן שול־וועזן די צילן פון דער פּוילישער בילדונגס־רעפאָרם.

די וויכטיקסטע אויפגאַבע, וועלכע די קאָנפערענץ האָט געשטעלט פארן צ. ק. פון די יידן אין פּוילן, איז געווען: אויסאַרבעטן א דערציונגס־פּראָגראַם

פאַר אונדזערע שולן. די זעלבע אויפגאַבע שטייט היינט פאַרן שול־וועזן פון אַלע קולטור־פעלקער. אומעטום גייט אַ קאָנפראָנטאַציע פון די טראַדיציאָנעלע פעדאַגאָגישע פּרינציפּן מיט דער בלוטיקער לעקציע פון דער וועלט־מלחמה, אומעטום קומט פאָר אַן איבערשאַצונג פון פעדאַגאָגישע ווערטן. די זעלבע אויפגאַבע איז געשטאַנען אויך פאַר אונדזער מלוכהשן שול־וועזן. אויפן אַלפּוילישן בילדונגס־צוזאַמענפאָר אין לאָדזש (18 — 22 יוני 1945). די לײדנשאַפטלעכע זוכענישן פון נייע וועגן אין דער דערציונג האָבן אומעטום איין און דעם זעלבן אויסגאַנגס־פּונקט און דעם זעלבן ציל: אַפּשאַצן די דערפאַרונג פון דער וועלט־מלחמה און צופּאַסן די דערציערישע צילן און מעטאָדן צו דער נייער נאָכמלחמהדיקערווירקלעכקייט. „אין קיין שום שול־סיסטעם איז דער לערער נישט אַלמעכטיק. אין איניקע סיסטעמען האָט ער אַ גרעסערע וואָג, אין איניקע, — אַ קלענערע. אָבער קיינמאָל איז די ראָל פון דעם לערער און דערציער נישט אַזוי גרויס, ווי אין די צייטן פון אויפטרייסלונגען און פון טיפע סאָציאַלע אומוואַנדלונגען. אין אַזעלכע רעוואָלוציאָנערע פּעריאָדן מוז דער דערציער געבן דער יוגנט נישט נאָר די אינטעלעקטועלע אָנפירונג און די מאָראַלישע פאַרזאָרגונג, נאָר ער מוז אויך העלפן דער יוגנט צו געפינען דעם אייגענעם שעפערישן וועג פון דער היסטאָרישער טראַדיציע צו דער נייער ווירקלעכקייט". *)

אין וואָס באַשטייט די דאָזיקע אויפגאַבע — צו שאַפן אַ דערציונגס־פּראָגראַם — ביי די אומות העולם, וועלכע האָבן אַ מלוכהשן שול־וועזן?

זי צעפאַלט זיך אין צוויי עטאַפּן: 1) דאַרף אָנגעצייכנט ווערן די אַלגעמיינע אידעאָלאָגישע באַזע און די פּרינציפּיעלע ריכטליניעס פון דעם דערציונגס־פּראָגראַם און 2) דאַרף אויסגעאַרבעט ווערן דער לערן־פּראָגראַם, וועלכער איז שוין גלייכצייטיק דער וועזנטלעכער טייל פון דעם דערציונגס־פּראָגראַם. דער לערן־פּראָצעס איז דאָך שטענדיק געוועזן און וועט שטענדיק בלייבן די pars magna דער וויכטיקסטער עלעמענט פון דעם דערציונגס־פּראָצעס. „לערנען דערציענדיק און דערציען לערנענדיק" — דאָס איז דאָך איינער פון די אייביקע אמתן פון פּעדאַגאָגיק. דעריבער געפינען מיר טאַקע נישט אין קיין שום מלוכה־פּראָגראַם קיין באַזונדערן קאַפּיטל, וועלכער זאָל הייסן „דערציונגס־פּלאַן". דער דערציונגס־פּלאַן איז שוין איינגעשלאָסן אין דעם לערן־פּראָגראַם, ער איז דאָ אין יעדער שורה און צווישן די שורות פון לערן־פּראָגראַם — און ער איז נישטאָ אין ערגעץ נישט. ער איז אַ יש ואינו נראה. ער דריקט זיך אויס אין דעם אויסוואַל און אין דער באַלויכטונג פון דעם לערנשטאָף, אין דער קאָרעלאַציע פון די למודים אויף אַלע האָריזאָנטאַלע קוועערשניטן פון דער שול (קלאַסן־פּראָגראַמען) ווי אויך אין דעם סיסטעמאַטישן גענעטישן אויפבוי פון יעדן באַזונדערן לימוד אין די ווערטיקאַלע דורכשניטן פון דעם לערן־פּראָגראַם (פּראָגראַמען פון באַזונדערע למודים).

*) Prof. J. Chałasiński — Socjolog. założenia retormy wychowania, str. 22.

אַנדערש שטייט די פראגע ביי אונדז. צוליב דעם ספּעציפישן כאַראַקטער פון אונדזער שול־וועזן, אַלס אַ געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, וועלכע שטיצט זיך אויף אַ קאָאַליציע פון אַלע יידישע דעמאָקראַטישע ריכטונגען, קאָן אונדז נישט פולשטענדיק באַפרידיקן אַזאַ דערציונגס־פּראָגראַם, וועלכער וועט נאָר אָנצייכענען די אידעאָלאָגישע באַזע פון אונדזער שול און געבן די ראַמען פון דעם לערן־פּראָגראַם, ווייל אין אַ לערן־פּראָגראַם ווערן דאָך אָנגעגעבן ראשי־פּרקים, טעמעס. דער גענויער אינהאַלט און די באַלויכטונג פון די דאָזיקע טעמעס ווערט קלאָר ערשט אין דעם לערנבוך. במילא שאַפט זיך אַזאַ לאַגע, אַז אונדזער דערציונגס־פּראָגראַם וועט מיט דער גאַנצער קלאָרקייט פעסטגעשטעלט ווערן ערשט דאַן, ווען מיר וועלן אַרויסגעבן אַלע לערנביכער פון די דערציִערישע הומאַניסטישע לימודים, אין דער ערשטער ריי — אַ לערנבוך פון דער נייער און נייסטער יידישער געשיכטע מיט אַ ברייטן איבערבליק איבער דער לאַגע פון דעם היינטיקן יידנטום אין דער גאַנצער וועלט.

פון דעם איז אָבער לחלוטין נישט געדרונגען, אַז מיר דאַרפן אָפּוואַרטן מיטן אויסאַרבעטן אַ דערציונגס־פּראָגראַם, ביז וואַנען מיר וועלן נישט האָבן אַלע נויטיקע לערנביכער. אויב מיר פאַרמאָגן נאָך נישט אין דעם מאָמענט קיין פולשטענדיק קלאָרן דערציונגס־פּראָגראַם אין דער פאָרם פון לערנביכער פאַר די קינדער און מעטאָדישע ריכטליניעס פאַרן לערער, מוזן מיר לכל־הפּחות האָבן אַ סכעמע פון אַזאַ פּראָגראַם. דאָס איז דרינגענדיק נויטיק נישט נאָר דערפאַר, וואָס אונדז פאַרפליכטעט דער אַפּעל פון דער לערער־קאָנפערענץ. אפילו אַ סכעמאַטישער דערציונגס־פּראָגראַם וועט האָבן די באַדייטונג פון אַ וועגווייזער און וועט סטימולירן אונדזערע ווייטערדיקע שריט צו דער פולשטענדיקער אַנטפּלעקונג און קריסטאַליזירונג פון אונדזערע דערציונגס־צילן, — און דאָס איז טאַקע אויסן געוועזן דער מחבר ביים צונויפשטעלן דעם דאָזיקן דערציונגס־פּלאַן, וועלכער באַשטייט פון די פאָלגנדיקע קאַפּיטלען:

1. אונדזער יחוס־בריוו (די געזעלשאַפטלעכע און פּעדאַגאָגישע גענעאַלאָגיע פון אונדזער שול־וועזן).

2. די געשטאַלטונג פון דער פּערזענלעכקייט (אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל וועט באַהאַנדלט ווערן דער פּאָסטולירטער גייסטיקער פּראָפיל פון אונדזער יוגנט אין זיינע וועזנטלעכע אינדיווידועלע אַספּעקטן: דער קאַפּיטל וועט באַשטיין פון דריי טיילן א) יחיד און כלל, ב) געפיל און פאַרשטאַנד און ג) כאַראַקטער—בילדונג).

3) די דערציונגס־פאַקטאָרן — אַן אויספירלעכער איבערבליק איבער די וויכטיקסטע דערציערישע פאַקטאָרן און ספּעציעל איבער די דערגרייכונגען, וועלכע דער לערן־פּראָצעס דאַרף געבן: געטיילט אין דריי טיילן: א) די סביבה, ב) דאָס שול־לעבן און ג) דער לערן־פּראָגראַם.

4. דער תמצית פון דעם לערן־מאַטעריאַל און זײַנע קאָרעלאַציעס (אַן איבערבליק איבער די וויכטיקסטע פּראָגראַם־טעמעס און זייערע פאַרבינדונגען אין די העכערע קלאַסן) חוץ דעם צוויי ביילאַגעס:

א) מאָנאַטלעכע דערציונגס־פּלענער

ב) יום־טובים און פייערלעכקייטן

יעדער דערציונגס־פּלאַן מוז קודם־כל האָבן אַן אויסגאַנג־פּונקט און אַ ציל.

ס'איז אַ באַקאַנטער און אפילו אַ באַנאַלער אמת, אַז די שול איז אַן אָפּשפּיגלונג פון דער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער ווירקלעכקייט און גלייכצייטיק איז זי איינער פון די אינסטרומענטן, מיט וועלכע ס'ווערן געשטאַלטעט די צוקונפט. אונדזער דערציונגס־פּלאַן דאַרף זיך דעריבער שטיצן אויף דער אַקטועלער יידישער ווירקלעכקייט אין פּוילן און דאַרף דינען די אַנטוויקלונגס־טענדענצן פון דער דאָזיקער ווירקלעכקייט. כדי דער דערציונגס־פּלאַן זאָל קאָנען אויספירן זיין ראָל, דאַרף דער פּעדאַגאָג האָבן אַ קלאָרן גייסטיקן סילועט פון דעם אַביטוריענט, וועלכן מיר ווילן ארויסלאָזן פון אונדזערע שולן אַלס אונדזער „דערציונגס־פּראָדוקציע". ווי־זשע דאַרף אויסזען דער דאָזיקער גייסטיקער סילועט? וועלכע ווערטן האָבן מיר, לערער, האָבן פאַר די אויגן, אַז דער דערציונגס־פּלאַן זאָל נישט בלייבן קיין טויטער דאָקומענט? וועלכע גייסטיקע קוואַליפיקאַציעס דאַרף פאַרמאָגן אונדזער אַביטוריענט — אַלס פּערזענלעכקייט און אַלס מיטגליד פון דעם יידישן קיבוץ אין פּוילן?

פון דער לעצטער פראַגע איז קלאָר, אַז דאָס פּראָבלעם האָט צוויי אַספּעקטן: אַן אינדיווידועל־פּערסאָנאַליסטישן און אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישן. דער ערשטער וועט געניי באַהאַנדלט ווערן אין דעם קאַפּיטל „די געשטאַלטונג פון דער פּערזענלעכקייט", דעם צווייטן מוזן מיר באַלד אויפקלערן, ווייל פון אים הענגט אָפּ דער גאַנצער דערציונגס־פּלאַן.

אונדזער אַלגעמיינע דערציערישע קאָנצעפּציע הריינגט אַרויס פון דער דערפאַרונג פון דער לעצטער וועלט־מלחמה און פון דער נאָכמלחמהדיקער ווירקלעכקייט סיי ביי אונדז אין לאַנד, סיי אויף דער גאַנצער וועלט. מיר האָבן אָקאָרשט דורכגעמאַכט אַ בלוטיקן מבול, די פאַשיסטישע חיה רעה האָט פאַרצערט מיליאָנען יידישע מענטשן, אונדזער פאָלקס־באַשטאַנד האָט זיך קאַטאַסטראָפאַל פאַרקלענערט, מיר זיינען נאָך נישט בכוח צו באַנעמען היסטאָריש און אָפּשאַצן אין דער פולער מאָס די באַדייטונג און די קאָנסעקווענצן פון אונדזער נאַציאָנאַלן אומגליק, ווייל מיר אָטעמען נאָך מיט דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט און ס'פעלט אונדז די רעטראָספּעקטיוו פון צייט, אָבער מיר האָבן דאָס געפיל, אַז די צווייטע וועלט־מלחמה גרענעצט אָפּ תקופות אין אונדזער נאַציאָנאַלער געשיכטע און אַז מיר הויבן איצט אָן אינגאַנצן אַ נייעם קאַפּיטל פון אונדזער טויזנטיאָריקן פאָלקס־לעבן, אַ קאַפּיטל, וועלכער דאַרף הייסן

„נאָכן דריטן חורבן", א קאַפּיטל, וועלכער פאָדערט חשבון הנפש און קלאָרע וועגווייזערס. גרויס איז אונדזער צער און טרויער, אָבער מיר פאַלן נישט אריין אין א פארצווייפלונג,פארקערט, מיר זיינען פול מיט דער אומשטערבלעכער האָפענונג אויף דער ווידעראויפלעבונג פון אונדזער פאָלק. מיר נעמען איבער די שווערע — פאר אונדזערע שוואכע פּלייצעס — אָבער גרויסע און פּרעכטיקע ירושה, וואָס דאָס פּוילישע יידנטום האָט אונדז איבערגעלאָזט, און — באַוואָפנט מיט דער דאָזיקער ירושה — ווילן מיר מיט געמיינזאַמע כוחות פארווירקלעכן די וויזיע פון יחזקאל הנביא: „ותבוא בהם הרוח ויחיו ויעמדו על רגליהם" (יחזקאל ל"ז).

דעריבער פארלאנגען מיר, אז אויך אונדזער יונגער דור זאָל האָבן דאָס באַוווסטזיין, אז ער הויבט אָן א נייע צייטרעכענונג „נאָכן דריטן חורבן" און אז ער איז באַרופן צו ווערן די לעבעדיקע בריק, וועלכע וועט פארבונדן — איבערן תהום פון דער וועלט־מלחמה — דעם עבר מיט דער צוקונפט.*)

די פארמלחמהדיקע יידישע ווירקלעכקייט אין פּוילן איז אויף א אומנאַטירלעכן אופן אין משך פון עטלעכע יאָר אָפּגערוקט געוואָרן פון אונדז אין א וויטער פארגאַנגענהייט. די אויסראָטונג פון פּוילישן יידנטום האָט פארניכטעט לעבנס־פאָרמען, בילדער און געשטאַלטן פון אונדזער ווירקלעכקייט און פון אונדזער ליטעראַטור. גלייכצייטיק האָט זיך ראַדיקאַל געביטן די סטרוקטור, דער כאַראַקטער און די לאַגע פון דעם יידישן קיבוץ אין פּוילן, און צוליב די דאָזיקע סיבות איז אונדזער ירושה אויף א קאַטאַסטראָפישן אופן פארוואַנדלט געוואָרן אין געשיכטע. ס'דראָט א געפאַר, אז פאַר אונדזער יוגנט זאָל די דאָזיקע ירושה ווערן — עקזאָטיק און ס'זאָל איבערגעריסן און פארלוירן ווערן דער פאָדים פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער המשכות, אָן וועלכן קיין שום דערציונג קאָן נישט האָבן קיין זכות הקיום.

דעריבער פאָדערן מיר פון אונדזער שול, זי זאָל אָפּהיטן די קולטור־ירושה פון די אומגעקומענע מיליאָנען יידן און זי זאָל איינפירן אין דעם לערן־ און דערציונגס־פּראָגראַם די יעניקע עלעמענטן פון דער דאָזיקער ירושה, וועלכע שטימען מיטן גייסט פון אונדזער צייט. אונדזער שול דאַרף דערציען א דור פון באַוווסטזיניקע יורשים און גלייכצייטיק א דור פון פּיאָנערן פון א נייער אויפלעבונג.

מיר פארבינדן דעם גורל פון דעם יידישן קיבוץ אין פּוילן מיטן גורל און מיטן קאַמף פון דער פּוילישער פאָלקס־דעמאָקראַטיע, און דעריבער פארלאַנגען מיר, אז אונדזער שול זאָל דערציען פולווערטיקע פּוילישע בירגער, וועלכע זאָלן מיט ביידע פיס שטיין אויף דער פּוילישער ערד. מ'דאַרף אָבער גע־

*) יעטווידער איז דער דאָזיקער פּאָסטולאַט אין דער פולער מאָס נוגע נאָר אונדזער עלטערע יוגנט — פון דער גימנאַזיע און ליצעום. וואָס אנבאַלאַנגט די קליינע קינדער פון דער פאָלקס־שול, דאַרפן מיר זיך — פארקערט — באַמיען, אז דער קאָשמאַר פון די מלחמה־יאָרן זאָל וואָס גיכער אויסגעווישט ווערן פון זייער זכרון און זיי זאָלן צוריק ווערן קינדער.

דענקען, אז דערהציען אונדזער יוגנט אין פּאַטריאָטישן גייסט — דאָס הייסט נישט נאָר פּלאַנצן אין אירע הערצער סתם געפילן פון איבערגעגעבנקייט און ליב־שאַפט צו דער פּוילישער מלוכה, דאָס הייסט קודם־כל שטעלן פאַר אונדזער יוגנט קאָנקרעטע פּאַטריאָטישע צילן און געבן איר קאָנקרעטע אָביעקטן פון ליבשאַפט און פון האַס, מיט איין וואָרט — אָנפילן מיט א באַשטימטן פּאַטריאָטישן אינהאַלט די באַציונג פון אונדזער יוגנט צום פּוילישן פאָלק, צו דער פּוילישער מלוכה און צום יידישן ישוב אין פּוילן (ווידעראויפבוי פון דער ווירטשאַפט, קולטור און מיליטערישע כוחות, רעאַליזירונג פון דעם ווירט־שאַפטלעכן מלוכה־פּלאַן, אַנטוויקלונג פון די מערב־געביטן, אינדוסטריאַליזאַציע, אַלזייטיקע אַנטוויקלונג פון דעם יידישן ישוב, קאַמף מיט די רעשטלעך פון פאַ־שיזם און רעאַקציע, האַס צו די אויסנוצנדיקע קלאַסן, ליבשאַפט און פּראַקטישע איבערגעגעבנקייט צום אַרבעטער־קלאַס, אַלס דעם פירנדיקן און שעפערישן כוח א.א.)

די בלוטיקע לעקציע פון דער וועלט־מלחמה האָט אונדז געלערנט, אז נאָר אין א געמיינזאַמען פראָנט מיט אַלע אַנדערע יידישע קיבוצים און מיט אַלע דעמאָקראַטישע און פרייהייטלעכע כוחות פון דער וועלט קאָנען מיר באַוואָרענען אונדזער נאַציאָנאַלן קיום און אויסקעמפן פאַר אונדזער פאָלק א בעסערע און זיכערע צוקונפט. דעריבער מוז אונדזער שול איינפלאַנצן אין די נשמות פון אונדזערע קינדער די אידעען און געפילן פון נאַציאָנאַלער און דעמאָקראַטישער אייניקייט.

די לערער־קאָנפערענץ האָט פעסטגעשטעלט, אז אונדזער נאַציאָנאַלע און דעמאָקראַטישע דערציונג דאַרף געפירט ווערן אין גייסט פון די פּראָגרע־סיווע סאָציאַלע אידעען פון אונדזער צייט". ס'איז קיין צופאַל נישט, וואָס די לערער־קאָנפערענץ האָט אויסגעמיטן דעם לאָזונג פון „סאָציאַליסטישער דער־ציונג", דער דאָזיקער לאָזונג וואָלט אין איצטיקן היסטאָרישן מאָמענט אַרויס־געלייגט אויף אונדזער שול א שטעמפּל, וועלכער וואָלט נישט געווען אין איינ־קלאַנג מיטן איינהייטלעכן פאָלקס־דעמאָקראַטישן כאַראַקטער פון אונדזער שול. אָבער וויכטיק איז נישט דער אָדער יענער לאָזונג, נאָר דער תוך, דער גייסט פון אונדזער שול.

מ'דאַרף זיך אָפּגעבן א חשבון, אז דער אָדער אַנדערער שילד גיט נאָך נישט קיין פּאַקטישע גאַראַנטיעס, אז די שול־אַרבעט וועט געפירט ווערן אין א באַשטימטן גייסט. די „פּראָגרעסיווע סאָציאַלע אידעען פון אונדזער צייט" קאָנען געפינען א תיקון אין אונדזער שול נאָר דורך קאָנסעקווענטע פּראַקטישע מאַסנמיטלען, וועלכע וועלן שאַפן די אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר א סאָציאַליס־טישער דערציונג, ד. ה. די געהעריקע לערער־קאַדרען, פּראָגראַמען, לערנביכער און מעטאָדאָלאָגיע.

מיר גיבן זיך אָפּ א חשבון, אז דער מעכטיקער ראַטנפאַרבאַנד — דאָס איז דאָס לאַנד, וואָס האָט רעאַליזירט אין דער פולער מאָס די פּאַקטישע עמאַנ־סיפּאַציע פון דעם יידישן מענטשן און אז די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אין דער

הינזיכט דערפירט צום סוף דאָס, וואָס סיהאָט אָנגעהויבן די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע: זי האָט דעם יידן צוריק געגעבן — נאָך אַן איבעררייס פון לאַנגע דורות — די חשיבות פון אַ פּראָדוקטיוון מענטשן צוגלייך מיט די רעכט פון אַ פּאָלוועדמיקן בירגער און מיט די מעגלעכקייטן פון אַ זעלבשטענדיקער מלוכה־שער עקזיסטענץ. מיר ווייסן חוץ דעם, אַז די באוואָפנטע האַנט פון ראַטנפאַר־באַנד — די רויטע אַרמיי — האָט באַפרייט די וועלט פון דעם פאַשיסטישן קאָשמאַר און האָט געראַטעוועט אונדזער פאָלק פון פולשטענדיקן אונטערגאַנג. דעריבער פאַרלאַנגען מיר פון אונדזער שול, זי זאָל דערציען אונדזער יונגן דור אין די געפילן פון יראת הכבוד און דאַנקבאַרקייט פאַרן ראַטנפאַרבאַנד.

מיר ווייסן, אַז דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל, וועלכער האָט אַריינ־געלייגט אַזוי פיל שעפערישע ענערגיע אין דעם אויפבוי פון לאַנד, פירט אַ שווערן געראַנגל פאַר זיין פרייהייט און מלוכהשער אומאָפּהענגיקייט; מיר ווייסן, אַז דער דאָזיקער קאַמף הופט אַרויס געפילן פון ברידערלעכער סאָלידאַריטעט ביי אַלע טיילן און שיכטן פון יידישן פאָלק, און מיר גיבן זיך אָפּ אַ חשבון, אַז די דאָזיקע געפילן דרינגען אַרויס נישט נאָר פון דעם פּאָליטישן באַוווסטזיין פון די יידישע מאַסן, נאָר אַז זיי האָבן טיפע וואָרצלען אין דעם טראַדיציאָנעל יידישן ארץ־ישראל־קאָמפּלעקס. דעריבער איז נאַטירלעך און נויטיק, אַז אין דער נאַציאָ־נאַלער מענטאַליטעט פון אונדזער יונגן דור, וועלכע דאַרף האָבן אַן אַלוועלטלעכן פּאַתנעם, זאָל דער אינטערעס פאַרן יידישן ישוב און פאַר דער יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל פאַרנעמען אַ געהעריקן אָרט.

אויפן גרונט פון די אויבן אויסגערעכנטע פּאָסטולאַטן לאָזן זיך פאָרמו־לירן די פאָלגנדיקע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע צילן פון אונדזער דערציונגס־פּראָגראַם:

1. דאָס נאַציאָנאַלע זעלבסטגעפיל און דאָס נאַציאָנאַלע באַוווסטזיין (ליבשאַפט און טרייהייט צום יידישן פאָלק, נאַציאָנאַלער היסטאָרישער זכרון און נאַציאָנאַל־קולטורעלער וואָלונטאַריזם; קאַמף מיט אַסימילאַציע; טיפע גייס־טיקע פאַרבינדונג מיט אַלע יידישע קיבוצים אויף דער וועלט אויפן יסוד פון נאַציאָנאַלער און דעמאָקראַטישער אייניקייט און אויף דער באַזע פון ענגער צוזאַמענאַרבעט מיט אַלע פרייהייטלעכע דעמאָקראַטישע כוחות אין דעם קאַמף קעגן רעאַקציע און פאַשיזם; פאַרשטענדעניש פאַר דער אייגנאַרטיקייט און פאַר דער באַדייטונג פון דעם ארץ־ישראלדיקן ישוב (זיין געשיכטע, זיין כאַראַקטער און זיין מלוכהשע געשטאַלטונג), וואַקזאַמער אינטערעס און אַקטיווע הילף פאַר דעם קעמפנדיקן יידישן ישוב אין ארץ־ישראל).

2. בירגער־טרייהייט צום דעמאָקראַטישן פּוילן און אַקטיווער פּאַטריאָטיזם (בפרט אין דער באַציונג צו דער נייער אָריענטאַציע אין דער פּוילישער אינ־טערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק).

3. טרייהייט צו דער פּאָלקס־דעמאָקראַטיע אונטער דער פירונג פון דעם פאַריייניקטן אַרבעטער־קלאַס; סאָציאַליסטישער הומאַניזם, האַס צום פאַשיזם.

4. קולט פאר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און פארשטענדעניש פאר איר וועלטגעשיכטלעכער באדייטונג; טיפע פּאָזיטיווע אָפּשאצונג פון די דערגרייכונגען און פון דער ראָל פון דעם ראַטנפארבאנד, בפרט אין דעם קאמף מיטן פאַשיזם און פאַר אַ דויערהאַפטן שלום *).

דער גאנצער אויסגערעכנטער קאָמפּלעקס פון אונדזערע דערציונגס־צילן, דאָס איז נישט קיין מעכאניש צונויפגעשטעלטע קאָמפּראָמיס־פּלאַטפאָרם. די דאָזיקע צילן לאָזן זיך אויסגעצייכנט פארייניקן אין איין גייסטיקן פּראָפיל, אין איין פסיכישן וועזן און במילא לאָזן זיי זיך אויך רעאליזירן פּראקטיש און פּעדאגאָגיש.

די טעאָרעטישע אַנטוויקלונג־פּסיכאָלאָגיע און די דערציונגס־פּסיכאָלאָגיע שטעלן פעסט, אז אלע גייסטיקע און פסיכישע פּאָרבאדינגונגען פאר א וועלטאַנשויונג הויבן זיך אָן אויסקריסטאליזירן ערשט צום סוף פון דער א. ג. „צווייטער קינדהייט”, ד.ה. אז דער פּעריאָד פון אידעאלן־שאפונג און פון א פּראָספּעקטיוון קוק אויפן לעבן הויבט זיך אָן ערשט אין דער עלטער פון 13 — 14 יאָר, ווען דער יוגנטלעכער פארטראכט זיך וועגן זיין פּערזענלעכער צוקונפט און הויבט אָן אַנצומערקן א פּערזענלעכע לעבנס־פּערספּעקטיוו. פון דעם איז טעאָרעטיש געדרונגען, אז די אייגנטלעכע אידעאָלאָגישע דערציונג קאָן זיך ערשט אָנהויבן אין די העכערע צוויי קלאסן פון דער 8־קלאסיקער גרונט־שול. אָבער דאָס הארף אונדז, פּעדאגאָגן, אבסאָלוט נישט אָפּשרעקן. ס'איז צום באַדויערן, א פאקט, אז די טעאָרעטישע אנטוויקלונגס־פּסיכאָלאָגיע באהאנדלט נאָך ביזן היינטיקן טאָג דאָס קינד in abstracto. אין זיין אנטוויקלונגס־פּראָצעס אלס אימאַנענטן פּראָצעס און נעמט זייער ווייניק אין אכט די סביבה און בפרט דעם איינפלוס פון דעם לערן־פּראָצעס אויף דער פסיכישער און גייסטיקער אנטוויקלונג פון קינד. מיר, פּעדאגאָגן, האָבן שוין לאנג באריקזיכטיקט אין אונדזער דידאקטישער ארבעט די אויספירונגען פון דער אנטוויקלונגס־פּסיכאָלאָגיע, אָבער דער צווייטער צד האָט עס נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט געטאָן אין דער געהעריקער מאָס און ס'קומט דעריבער אויס, אז דער צוזאמענהאנג צווישן ביידע די פאקטאָרן — פּסיכאָלאָגיע און דידאקטיק — איז אן איינזייטיקער, ווען אין דער אמתן איז ער א דיאלעקטיש־קעגנזייטיקער (דער לימוד פון געשיכטע, צום ביישפּיל, האָט א דעצידירנדיקע ווירקונג אויף דער אנטוויקלונג פון צייט־

---

*) דערביי דארף מען נעמען אין אכט, אז די אויסגערעכנטע פּאָסטולאטן, לאָזן זיך אין זייער גאנצן פארנעם רעאליזירן נאָר אין א פולער 11—12 יאריקער שול. אין דער 8־קל. גרונט־שול קאָנען זיי דערגרייכט ווערן נאָר אין א באגרענעצטער מאָס.

באַגריפן ביי קינדער און ער ענדערט וועזנטלעך די טעאָרעטישע סכעמע און
די עטאַפּן פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג; צוזאַמען מיטן ליטעראַטור־לימוד
וועקט ער ביי קינדער פאַרשטענדעניש פאַר אידעאַלן און אידעאַליזם א סך
פריער, ווי עס זעט פאַר די טעאָרעטישע אַנטוויקלונגס־פּסיכאָלאָגיע). די הויפּט־
זאַך אָבער איז דאָס, וואָס אין דער פאָלקס־שול שטייט פאַר אונדז בכלל נישט
די אויפגאַבע צו געבן די קינדער א וועלט־אָנשויונג אין איינגאַנצלעכן זין פון
וואָרט, נאָר ס׳האַנדלט זיך וועגן גייסטיקע דיספּאָזיציעס צו א וועלט־אָנשויונג,
און דעם דאָזיקן ציל קאָנען מיר דערגרייכן — פּונקט ווי דאָס שול־וועזן פון
אַלע אומות־העולם — דורך צוויי מיטלען: 1) דורך א געהעריקן אויסוואַל און א
געהעריקער באַלויכטונג פון דעם לערן־מאַטעריאַל (דאָס איז דער ראַציאָנאַליס־
טיש־אינטעלעקטואַליסטישער פאַקטאָר אין דער דערציונג) און 2) דורך א
געהעריקער עמאָציאָנעלער באַאַרבעטונג פון דעם לערן־פּראָצעס (דאָס איז דער
עמאָציאָנעלער פאַקטאָר).*) אזוי זעט אויס די אָפּשאַצונג פון אונדזער דערציונגס־
פּראָגראַם פון ריין־פּעדאַגאָגישן שטאַנדפּונקט.

אַנדערש שטעלט זיך פאַר די פראַגע פון פּראַקטישן און געזעלשאַפט־
לעכן שטאַנדפּונקט אין זיין אויבן ציטירטן אַרטיקל „די סאָציאָלאָגישע הנחות
פון דער דערציונגס־רעפאָרם״ שטרייכט אונטער דער באַקאַנטער פּוילישער סאָ־
ציאָלאָג פּראָפ. יוזעף כאַלאַשינסקי, אז יעדעס שול־וועזן רעאַליזירט („פּראָדו־
צירט״) אין דער דערציונגס־אַרבעט באַשטימטע „סאָציאָלאָגישע מאָדעלן״, וועל־
כע האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט אין דער אַרומיקער געזעלשאַפטלעכערווירקלעכ־
קייט און פאַרמאָגן א שטאַרקע אַנטוויקלונגס־דינאַמיק (אזוי, צום ביישפּיל, רע־
אַליזירט די סאָוויעטישע שול די צוויי וויכטיקסטע „מאָדעלן״ פון דער סאָוויע־
טישער ווירקלעכקייט — דעם קאָמסאָמאָלעץ און דעם סטאַכאַנאָוויעץ). אונדזער
„פּעדאַגאָגישע טראַגעדיע״ באַשטייט אין דעם, וואָס אונדזער ווירקלעכקייט
האָט נאָך נישט געשאַפן דעם דאָזיקן מאָדעל פון אן איינהייטס־מענטש, וועלכן
מיר ווילן דערציִען, אזוי, אז אונדזער שול פאַרמאָגט נישט די גוטיקע „מוסטערן״
און זי מוז איבערחזרן די מעשה בראשית. די לאַגע ווערט נאָך באַשווערט דורך
דעם, וואָס דער לערער גופא האָט זיך נאָך נישט „מאָדעליזירט״ אין דעם

---

*) בפרט פאַר אונדזער שול־וועזן האָט די פראַגע וועגן דעם עמאָציאָנעלן עלעמענט אַ
ערשטקלאַסיקע באַדייטונג: וויבאַלד, אז מיר בויען אונדזער דערציונגס־פּלאַן נישט אויפן יסוד
פון פּאַרטייאישע צילן, נאָר אויף דער איינהייטלעכער ברייטער באַזע פון אַזעלכע אידעאַלע
ווערטן, ווי פאָלק, פאָטערלאַנד, דעמאָקראַטיע, איז קלאָר, אז דער לערן־ און דערציונגס־פּראָ־
צעס אין אונדזערע שולן דאַרף באַקומען א שטאַרקע עמאָציאָנעלע באַאַרבונג.

גייסט פון נאַציאָנאַלער און דעמאָקראַטישער איינהייט, — און דאָ ליגט טאַקע דער קערן פון דער גאַנצער פראַגע און דאָס גורל־פּראָבלעם פון אונדזער שול.

די רעאַלקייט פון יעדן פּלאַן — בתוכם אויך פון אַ דערציונגס־פּלאַן — הענגט אָפּ נישט נאָר פון די מעלות און חסרונות פון דעם פּלאַן גופא, נאָר אויך פון זיינע אויספירער. אויב אונדזער לערערשאַפט וועט זיך באַציִען צום פּלאַן נישט מער, ווי לאָיאַל, וועט ער זיין ציל נישט דערגרייכן. לאָיאַלקייט איז נישט שעפעריש, דאַקעגן פעדאַגאָגישע אַרבעט פאַרלאַנגט גלויבן און פאַנאַטיזם. מיר מוזן אַפּעלירן צו אונדזערע לערער, זיי זאָלן ווערן פּיאָנערן פון נאַציאָנאַלער און דעמאָקראַטישער איינהייט, זיי זאָלן איבערגעשטאַלטן זייער מענטאַליטעט אין הסכם מיט די פאָדערונגען פון אונדזער צייט, זיי זאָלן זיך מיט לייב און לעבן שטעלן אויפן באַדן פון אונדזער דערציונגס־פּלאַן. אונדזער לערערשאַפט מוז זיך אָפּגעבן אַ חשבון, אַז איין טריט אויף רעכטס אָדער אויף לינקס פון דעם דאָזיקן פּלאַן דראָט מיט אַ שווערן קריזיס נישט נאָר אין אונדזער שול־וועזן, נאָר אויך אין אונדזער גאַנצער קולטור־אַרבעט.

אויב אונדזער לערערשאַפט וועט געפינען אַ קוואַל פון באַגייסטערונג אין דער וויזיע פון דעם נאַציאָנאַלן און דעמאָקראַטישן איינהייטס־יידן, אויב די פּאָסטולאַטן פון אונדזער דערציונגס־פּראָגראַם וועלן ווערן פאַר די לערער אַ קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו, — דאַן וועט דער פּלאַן פאַרוואַנדלט ווערן אין דערגרייכונגען און ווערטער וועלן זיך פאַרקערפּערן אין מעשים.

אָטוואָצק, סעפּטעמבער 1947.

ערשטער קאַפּיטל

# אונדזער יחוס־בריוו

אונדזער דערציונגס־פּראָגראַם שטעלט פֿאָר מיט זיך אין דער פֿילזייטיקייט און אין דעם אַלגעמיינעם ס"ה פֿון אַלע זיינע אַספּעקטן — נאַציאָנאַלן, געזעלשאַפֿטלעך־פּאָליטישן און בירגערלעכן — אַ פּראָגראַם פֿון סאָציאַלער דערציונג אין ברייטסטן זין פֿון וואָרט, צוגעפּאַסט צו אונדזערע קאָנקרעטע באַדינגונגען. שטעלנדיק זיך אויף דער פּלאַטפֿאָרם פֿון סאָציאַלער דערציונג, שליסן מיר זיך איין אין דער גאָלדענער קייט פֿון יענע פּעדאַגאָגישע אידעען, וועלכע האָבן צוערשט געמאַכט דעם דורכבראָך אין דעם איינגעפֿונדעוועטן סיסטעם פֿון דער בירגערלעכער אינדיווידואַליסטישער דערציונג און האָבן נאָכהער, אין זייער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג און פֿאַרטיפֿונג, געשאַפֿן בהדרגה אין משך פֿון די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר דעם בנין פֿון דער נייער סאָציאַלער פּעדאַגאָגיק. אַלס דאָס יינגסטע רינגעלע אין דער דאָזיקער קייט ווערן מיר די יורשים פֿון די פּראָגרעסיווע מערב־אייראָפּעישע שול־רעפֿאָרמער און גלייכצייטיק באַקומען מיר אַן אָנשפּאַר אין די גרונט־אידעען, אין דער טראַדיציע און אין דער פּראַקטיק פֿון דעם סאָוויעטישן שול־וועזן און פֿון דעם פֿאַרמלחמהדיקן יידישן געזעלשאַפֿטלעכן שול־וועזן (ציש"אָ־שולן). אַ דאַנק דעם באַקומט אונדזער שול אַ יחוס־בריוו, וועלכער איז פֿאַר אונדזער יונגן שול־וועזן, וואָס פֿאַרמאָגט נאָך נישט קיין אייגענע טראַדיציע, זייער וויכטיק.

די נייע סאָציאַלע שול־באַוועגונג אין מערב־אייראָפּע און אין אַמעריקע, אין רוסלאַנד און אין פּוילן, די באַוועגונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין די ערשטע יאָרן פֿון 20־טן יאָרהונדערט — דאָס איז אונדזער אומניטלבאַרע פֿאַרגעשיכטע. אָבער די אידעע גופֿא פֿון סאָציאַלער דערציונג איז אַ סך עלטער: אירע וואָרצלען קאָן מען געפֿינען שוין אין קלאַסישן גריכנלאַנד און איר געשיכטע ציט זיך פֿון פּלאַטאָנען. ס'איז כאַראַקטעריסטיש און נאַטירלעך, אַז אין משך פֿון דורות פֿלעגט די דאָזיקע אידעע אויפֿלעבן אין תקופֿות פֿון סאָציאַלן אויפֿברויז און פֿון שטאַרקער קולטור־דינאַמיק. די רעפֿאָרמאַציע, די ענגלישע רעוואָלוציע, די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע האָבן פֿאַרמאָגט נישט נאָר אַן אייגענע סאָציאַל־פּאָליטישע און קולטור־קאָנצעפּציע, נאָר אויך אַן אייגענע פּעדאַגאָגיק, וועלכע איז געווען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פֿון סאָציאַלער דערציונג.

אויך אין דער געשיכטע פון פוילישן שול־וועזן האָט דער דאָזיקער גייסט אויפ־געבליצט אין „גאָלדענעם יאָרהונדערט" (פריטש — מאָדזשעווסקי) און אין די ריכטליניעס פון דער „קאָמיסיע פאַר נאַציאָנאַלער דערציונג" אין 18־טן יאָר־הונדערט.

אין משך פון 19־טן יאָרהונדערט — דעם י"ה פון אינדוסטריאַליזאַציע און ליבעראַליזם, — ווערט די אידעע פון סאָציאַלער דערציונג אוועקגערוקט אין שאָטן. די פאַרפעסטיקונג פון גרויס־קאַפּיטאַליסטישן און בירגערלעכן לעבנס־סדר ברענגט מיט זיך די הערשאַפט פון דער אינדיווידואַליסטישער ריכטונג אין דער פּעדאַגאָגיק. די „אויטאָנאָמע פּערזענלעכקייט" ווערט דער ציל און דער וועג־ווייזער פון דער דערציונג. נאָר איינאיינציקע שטימע (וועלכע האָט נאָך, אגב, ביזן היינטיקן טאָג נישט זוכה זיין אריינצוגיין אין דער אָפּיציעלער מערב־אייראָפּעישער געשיכטע פון פּעדאַגאָגיק) רייסט זיך דורך ווי א „דיסאָנאַנס", דורך דער טריומפירנדיקער סימפאָניע פון דעם בירגערלעכן אינדיווידואַליזם: דאָס איז די שטימע פון מאַרקסן און ענגעלסן, וועלכע שטעלן פעסט אין דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", אז די דערציונג מוז שטענדיק און אומעטום זיין אין איינקלאַנג מיט די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט און באַזונדערס מיט איר עקאָנאָמישער סטרוקטור. אויסהעכענענדיק די מיטלען, וועלכע האָבן דורכ־געפירט ווערן אין דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד ביים רעאַליזירן דעם נייעם סאָציאַ־ליסטישן וועלט־סדר, רוקן זיי ארויס אין דעם 10־טן פּונקט די פאָדערונג פון אָבליגאַטאָרישער אומזיסטער פאָלקס־בילדונג און פאָרלאַנגען, אז די דערציונג זאָל זיין פאַרבונדן מיטן פּראָדוקציע־פּראָצעס. די דאָזיקע שטימע איז געווען אן אָנזאָג פון א נייער ווענדונג אין דער פּעדאַגאָגיק (פּונקט ווי דער גאַנצער „קאָמו־ניסטישער מאַניפעסט" איז געווען אן אָנזאָג פון א נייער ווענדונג אין דער וועלט־געשיכטע), אָבער קיין אוממיטלבאַרע ווירקונג אויפן שול־וועזן האָט זי נישט געהאַט און האָט אין יענער צייט נישט געקאָנט האָבן. די בירגערלעכע שול האָט זיך ווייטער אַנטוויקלט אין אינדיווידואַליסטישן גייסט, און ערשט אין אָנהויב פון אונדזער י"ה, ווען די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג איז אריינגע־טרעטן אין א קריטישער פאַזע, האָט זיך אויך אָנגעמערקט דער קריזיס אין דער אינדיווידואַליסטישער פּעדאַגאָגיק.

דער בירגערלעכער אינדיווידואַליזם אין דער פּעדאַגאָגיק איז רייף געוואָרן צום קריטישן זעלבסטבאַוווסטזיין קודם־כל אין די מוחות פון די פּראָגרעסיווע פאָרשטייער פון בירגערלעכן פּעדאַגאָגישן געדאַנק. די אַפּאָסטאָלן פון דער נייער סאָציאַלער פּעדאַגאָגיק — פּונקט ווי די נביאים פון דער סאָציאַלער רעוואָלו־ציע — זיינען געווען ליבלעכע קינדער פון דעם קלאַס, פאַר וועלכע די דאָזיקע אידעען זיינען געווען א סימפּטאָם און א דיאַגנאָז פון אומפאַרמיידלעכן אונטער־גאַנג.

די סאָציאַלע פּעדאַגאָגיק אַנטוויקלט זיך אין 20־טן י"ה אין צוויי ריכטונגען און גיסט זיך פאַנאַנדער אין צוויי שטראָמען — אַן עמפּיריסטישן און אַן אידעאַליסטישן. די עמפּיריסטן, געשטיצט אויף קאָנטן און ספּענסערן — באַשעפטיקן זיך מיט דער דערציונג אלס סאָציאָלאָגישן פּראָבלעם. זיי באַ־

האנדלען די פונקציע פון דערציונג, זיי שטרייכן אונטער די באדייטונג פון קאָלעקטיוון פאקטאָר, זיי באפרייען די פעדאגאָגיק פון אלע טעלעאָלאָגישע און טראנסצענדענטאלע עלעמענטן, זיי פארבינדן די פעדאגאָגישע וויסנשאפט מיט דער סאָציאָלאָגיע און שטעלן זי אוועק אויף א פעסטן סאָציאַלן יסוד. באזונ־דער גרוים זיינען די פארדינסטן פון עמ. דירקהיים, וועלכער גיט דער סאָציאלער פעדאגאָגיק א פילאָזאָפישע גרונטלאגע פון קאָלעקטיוויסטישן שטאנדפונקט (דער כלל אלס גרונטפאקטאָר פון סאָציאלן לעבן און דער יחיד אלס א טייל פון דעם כלל).

די אידעאליסטישע שיטה קאָנצענטרירט איר געדאנקענגאנג אויף די ציִלן און אידעאלן פון דער דערציונג (מיט דעם דערקלערט זיך איר נאָמען). נאטאָרפ ווארפט אין זיין „סאָציאַל־אידעאליזם” דעם דערהויבענעם לאָזונג: „יעדע דערציערישע ארבעט קאָן האָבן נאָר איין ציל — דערציען דעם מענטשן פאַר דער אידעע פון אַלמענטשלעכער ברידערלעכקייט. פערסטער טרעט ארויס פון רעליגיעז־אידעאליסטישן שטאנדפונקט אלס קעמפער פאר קרבנות־גרייטקייט און פאר מענטשלעכקייט און דערקלערט, אז „דאָס שול־לעבן דארף ווערן א „שול פון לעבן”. דיועי באטראכט די שול אלס א נאטירלעכע פאָרם פון אקטיוון געזעלשאפטלעכן לעבן. ארויסגייענדיק פון דער הנחה, אז די האנדלונג האָט א פריאָריטעט לגבי דער דערקענטעניש, לייגט ער דעם יסוד פון דער אַרבעט־שול און פארוואנדלט דעם שול־ווארשטאט אין א דערציונגס־באזע. די מאָדערנע טעכניק האָט צוגענומען ביים קינד די נאטירלעכע ארבעט־שול פון דער היימי־שער סביבה, און דיועי פאָדערט, אז די שול זאָל קאָמפענסירן דעם קינד דעם דאָזיקן פארלוסט. אין די וועגן פון דיועי — הגם מיט וועזנטלעכע אידעאישע און פראקטישע מאָדיפיקאציעס — גייט קערשענשטיינער און אנדערע אידעאָלאָגן פון דער ארבעט־שול. דער גרונט־לאָזונג פון דיועי („די שול — אַ נאטירלעכע פאָרם פון אקטיוון געזעלשאפטלעכן לעבן”) געפינט אין אמעריקע א גינסטיקן באָדן. ווילסאָן דזשיל און סטענלי האָל באמיען זיך מיט דערפאָלג צו רעאליזירן דעם דאָזיקן לאָזונג: זיי גיבן די טעאָרעטישע באגרינדונג און פירן דורך אין אמעריקע די ערשטע עקספערימענטן פון דער זעלבסט־פארוואלטונג אין די שולן („קלאסן־גמינע” און „שול־גמינע”).

פון דער דאָזיקער גייסטיקער ירושה נעמען מיר אָן, פארשטייט זיך, נאָר איר אלגעמיינע סאָציאל - דערציערישע טענדענץ, דאָס הייסט, נאָר דעם פרינציפיעל ריכטיקן שטאנדפונקט, אז דער יחיד דארף דערצויגן ווערן אין פראָצעס פון צוזאמענלעבן און צוזאמענארבעט מיטן קאָ־לעקטיוו. מיר זיינען טאקע יורשים, אָבער מיר קלייבן אָפּ די ירושה קריטיש. מיר פארגעסן נישט וועגן דעם, אז אין קאפיטאליסטישע באדינגונגען זיינען די אידעען פון סאָציאלער דערציונג נאָר א פאָליאטיוו, וועלכער קאָן נישט ענדערן דעם עצם־כאראקטער פון דער שול. אין תוך גענומען האָבן די דאָזיקע אידעען געהאט דעם ציל צוצופאסן די בירגערלעכע שול צו די פאָדערונגען פון דער מאָדערנער קאפיטאליסטישער פראָדוקציע און פון בירגערלעכן געזעלשאפטלעכן

לעבן. פאַרשיידן זיינען די פאָרמען, אין וועלכע די דאָזיקע אָביעקטיווע טענ־דענץ האָט זיך פּעדאַגאָגיש אַנטפּלעקט. ביי פּערסטערן און נאַטאָרפּן האָט זי זיך אידעאַליסטיש סובלימירט און איז דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון א רעליגיעז־עטישן סיסטעם, דיועי זאָגט אָפן, אַז זיין ציל איז — צו דערציען אַן אַקטיוון אַנטיילנעמער אין דעם (קאַפּיטאַליסטישן) פּראָדוקציע־פּראָצעס; קערשענשטיינער חזרט איבער אין תוך דאָס זעלבע, נאָר ער טראָגט אריבער דעם שווערפּונקט פון דער עקאָנאָמיק אויפן מלוכה־לעבן: אויב דיועי וויל דערציען דעם homo economicus, שטעלט זיך קערשענשטיינער פאַר אַן אידעאַל דעם homo ciwilis, דערביי האָבן ביידע אין אויג איין און דעם זעלביקן אָביעקטיוון ציל: אַנטוואָפּענען גייסטיק דעם ארבעטס־מענטשן, פּאַראַליזירן זיין ווילן צום קאַמף מיט דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און געבן אים אַלס קאָמפּענסאַציע דאָס געפיל פון זעלבסטצופרידנקייט מיט דער הויכער און וויכטיקער פונקציע, וועלכע דער ארבעטס־מענטש פירט אויס אין געזעל־שאַפטלעכן און מלוכהשן לעבן.

אַמדייטלעכסטן און אַמברוטאַלסטן האָט אויפגעדעקט די טענדענצן פון דער בירגערלעכער שול דער פּרעזידענט פון ניו־יאָרקער שול־ראַט: אַרויסטרעטנ־דיק אין א דיסקוסיע וועגן די נייע פּראָגראַמען קעגן דער הומאַניסטישער שפּראַך־שול און פאַר א ווייטגייענדיקן פּראַקטיציזם און אוטיליטאַריזם אין דער שול־אַרבעט, האָט ער דערקלערט: „צו וואָס דאַרפן די שילער פּטרן זייער ווערטפולע צייט אויף אַזעלכע נוצלאָזע זאַכן, ווי שפּראַך אָדער געשיכטע? ס'איז א סך גלייכער, זיי זאָלן וויסן, ווי אַזוי קאָן מען אַמביליקסטן ליפערן קאַרטאָפל אויפן מאַרק אין טשיקאַגאָ! געלט איז אַן אוניווערסאַלע שפּראַך, עס רעדט מיט אַלע לשונות אויף דער וועלט" *). ביי זייער גאַנצער פאַרשידנ־קייט טראָגן אויף זיך די אַלע אויסגערעכנטע פּעדאַגאָגישע קאָנצעפּציעס דעם שותּפותדיקן שטעמפּל פון בירגערלעכן אינדיווידואַליזם. זייערע מחבּרים קאָנען זיך נישט אַרויסרייסן פון דעם פאַרכשופטן קרייז פון דער קאַרדינאַלער כּתירה צווישן דער אידעע פון סאָציאַלער דערציונג און דעם קולט פון אויטאָנאָמען יחיד**). ס'האָט געמוזט אויסברעכן דער שטורעם פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַז די אידעען פון סאָציאַלער דערציונג זאָלן באַקומען פלייש און בלוט, און גע־שען איז עס נישט אויפן פאַרגעשריטענעם מערב, ווו די דאָזיקע אידעען זיינען געבוירן געוואָרן, נאָר דווקא אויפן „אָפּגעשטאַנענעם" מזרח: אין סאַמע ברען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה צעבליט זיך, ווי דורך א כּישוף, די יידיש־וועלטלעכע שול־באַוועגונג אין פּוילן און קורץ נאָכדעם עפנט די אָקטאָבער־

*) Prof. J. Chałasiński — Socjolog. założ. reformy wychowania, str. 9.

**) אַן אויסנאַם שטעלט פאַר מאַקס אַדלער (זע די ביבליאָגראַפיע) אונטערן איינדרוק פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און פון דער סאָוויעטישער שול־באַוועגונג טרעט ער אַרויס מיט דער קאָנצעפּציע פון קאָמוניסטישער דערציונג, וועלכע דאַרף זיין פאַרבונדן מיטן קלאַסן־קאַמף און וועלכע האָט די אויפגאַבע צו דערוועקן ביים פּראָלעטאַריאַט דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט —

רעוואָלוציע א נייעם קאַפּיטל אין דער וועלט־געשיכטע בכלל און אין דער
געשיכטע פון פּעדאַגאָגיק בפרט.

ס'קלינגט אין ערשטן מאָמענט אויסטערליש און קלייזלדיק, ווען
מ'רופט אָן אין איין אָטעם אַזעלכע צוויי אומפאַרגלייכבאַרע דערשיינונגען, ווי
דאָס סאָוויעטישע און דאָס יידיש־וועלטלעכע שול־וועזן. פון איין זייט — א גי־
גאַנטישע שול־באַוועגונג אויף די אומענדלעכע שטחים פון דער ערשטער סאָ־
ציאַליסטישער מלוכה און פון דער אַנדערער — אַ באַשיידענע שול־נעץ, וועלכע
האָט אפילו נישט ארומגענומען דאָס גאַנצע יידישע שול־וועזן אין פּוילן;
דאָרטן — אַ מלוכה־שול, וועלכע איז פון ערשטן מאָמענט אָן איינגעגלידערט
געוואָרן אין דעם אלגעמיינעם מעכאַניזם פון סאָציאַליסטישן אויפבוי און האָט
דורכגעמאַכט די אלגעמיינע עוואָלוציע פון דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט,
דאָ — א גרופּע „פּריוואַטע" שולן אין אַן אומאויפהערלעכן געראַנגל מיט דער
ענדעקיש־סאַנאַטאָרישער „דעמאָקראַטיע" און מיט אַנדערע קולטור־ריכטונגען
אויף דער יידישער גאַס, אַן איזאָלירטער אינדזל פון פאַרמאַסקירטער סאָציאַליס־
טישער דערציונג, אַן אינדזל, וועלכער האָט אויף א פּאַראַדאָקסאַלן אופן,
אונטערן דעקמאַנטל פון לעגאַליטעט, אָפּגעהיטן אין משך פון 23 יאָר זיין
פּאַקטישע און אידעישע אומאָפּהענגיקייט; פון איין זייט — אַ מעכטיקער
אַפּאַראַט, וואָס האָט רעאַליזירט די קולטור־צילן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע
און האָט געשאַפן א נייע קולטור־וועלט און אַ נייע גייסטיקע ראַסע און פון
דער צווייטער — א באַשיידענע שול־נעץ, וועלכע האָט גייסטיק באַדינט א לפּי־
ערך קליינע שיכט און האָט געאַרבעט מערער פאַר דער צוקונפט ווי פאַר דער
קעגנוואַרט, מערער למחשבה ווי למעשה. דאָרטן — אַ מעכטיק סאָציאַליסטיש שול־
וועזן אויפן באָדן פון א סאָציאַליסטישער ווירקלעכקייט, דאָ —א קליינע שול־
נעץ מיט אַן אבסטראַקטער און פראַגמענטאַרישער סאָציאַליסטישער באַפאַר־
בונג, וועלכע האָט נישט געהאַט קיין שום אָנשפּאַר אין דער אלגעמיינער פּאָ־
ליטיש־געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור פון פאַרמלחמהדיקן פּוילן. און פונדעסט־
וועגן דאַרף מען פעסטשטעלן למען דעם היסטאָרישן אמת, אז אין דעם העכער
20־יאָריקן פּעריאָד צווישןביידע וועלט־מלחמות האָבן געלויכטן אין דער פּע־
דאַגאָגישער וועלט צוויי ליכט־פּונקטן, צוויי וואַרשטאַטן, ווו די אידעען פון
סאָציאַלער דערציונג האָבן באַקומען אַ נייעם — סאָציאַליסטישן — אינהאַלט
און זיינען פאַרקערפּערט געוואָרן אין א קאָנקרעטן פּראָגראַם פון סאָציאַליסטישער
דערציונג אין אַ נאַציאָנאַלער פאָרם — און דאָס זיינען געוועזן די סאָוויעטישע
און די יידיש־וועלטלעכע שול.

סיי די ערשטע, סיי די צווייטע האָבן געירשנט פון מערב די אידעען פון
עקספּערימענטאַלער און פּערסאָנאַליסטישער פּעדאַגאָגיק (געזעלשאַפטלעכע
דערציונג, זעלבסט־פאַרוואַלטונג, אַרבעטס־מעטאָדן, האַרמאָנישע כאַראַקטער־
בילדונג, אינטעליגענץ־פאָרשונגען, טעסטאָלאָגישע און פּסיכאָטעכנישע מעטאָדן
און אַנד.) און ביידע האָבן אַריינגעטראָגן אין די דאָזיקע אידעען א נייעם אינ־
האַלט און אַ נייעם גייסט. ביידע האָבן דורכגעמאַכט א שטורעם־ און דראַנג־

פּעריאָד פון זוכענישן און וואקלונגען אין דער פּראקטישער אָנווענדונג פון די נייע פּעדאַגאָגישע קאָנצעפּציעס. זייער ווייטערדיקע אַנטוויקלונג האָט זיך געשטאַלטעט אויף א פארשידענעם אופן — אין הסכם מיט די רעאַלע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, ווי אויך מיט די צילן און אויפגאבן פון יעדן שול־וועזן באַזונדער.

די סאָוויעטישע שול האָט דורכגעמאַכט עטלעכע עטאַפּן און אין די לעצטע יאָרן פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זי זיך אויסגעקריסטאַליזירט אלס אַ מלוכה־אינסטיטוציע, וועלכע האָט די אויפגאַבע צו געבן א סאָוויעטיש־פּאַטריאָטישע און קאָמוניסטישע דערציונג אין א נאַציאָנאַלער פאָרם לויטן מוסטער פון די צוויי וויכטיקסטע „סאָציאָלאָגישע מאָדעלן“ פון דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט — פון דעם קאָמסאָמאָלעץ און פון דעם סטאַכאַנאָוויעץ.

דער עטאַפּ פון פּעדאַגאָגישע זוכענישן און פון מערבדיקע השפּעות האָט אנטשפּראָכן דעם שטורעם־ און דראנג־פּעריאָד פון דער סאָוויעטישער מלוכה, ווען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט נאָך געהאַט פאר זיך, אלס אוממיטלבארן ציל, דאָס באַזייטיקן די ירושה פון צאריזם און קאַפּיטאַליזם. בהדרגה אָבער, ווען די סאָוויעטישע ווירקלעכקייט האָט זיך גענומען סטאַביליזירן און דער ראַטן־פארבאַנד איז צוגעטראָטן צו רעאַליזירן פּראקטיש די נייע סאָציאַליסטי־שע אָרדענונג, האָט זיך די סאָוויעטישע פּעדאַגאָגיק באַפרייט פון פרעמדע מוסטערן און האָט געשאַפן אן אייגענעם און אייגנאַרטיקן סיסטעם פון דער־ציונג און בילדונג. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט די סאָוויעטישע שול אויפ־געהערט צו זיין א ווארשטאַט פון פּעדאַגאָגישע עקספּערימענטן און איז פאר־וואַנדלט געוואָרן אין א רעאלן פאַקטאָר פון סאָציאַליסטישער בויאונג.

דאָס נייע, וואָס די סאָוויעטישע פּעדאַגאָגיק האָט אריינגעטראָגן אין די גרונט־יסודות פון מענטשלעכער דערציונג, איז אזוי וועזנטלעך פארשיידן פון דער מערבדיקער פּעדאַגאָגיק, אז מ׳קאָן בכלל נישט באַטראַכטן דעם סאָוויעטישן דערציונג־סיסטעם ווי א היסטאָרישן המשך פון די טעאָרעטישע און פּראקטישע קאָנצעפּציעס פון די א. ג. „שול־רעפאָרמער“: קיין שום עוואָלוציע, קיין שום מאָדיפיקאַציע — אפילו א פּרינציפּיעלע — קאָן נישט אריבערוואַרפן קיין בריק פון קערשענשטיינערן און דיועי צו מאַקאַרענקאָ און קרופּסקאיא. די באַ־ציונג פון דער סאָוויעטישער פּעדאַגאָגיק צו דער מערבדיקער — דאָס איז די באַציונג פון דער סאָציאַליסטישער ווירקלעכקייט צו דער קאַפּיטאַליסטישער. נישט קיין היסטאָרישער המשך, נישט קיין העכערער עטאַפּ, נאָר א פולשטענדיק נייע וועלט פון פּעדאַגאָגישע אידעען און מעטאָדן, — אָט דאָס איז די סאָוויע־טישע פּעדאַגאָגיק לגבי דער מערבדיקער. אמבולטסטן קומט צום אויסדרוק דער דאָזיקער אונטערשייד טאַקע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קאָנצעפּציע פון „סאָ־ציאַלער דערציונג“. די פּאַקטישע — קאַפּיטאַליסטישע — טענדענצן, וועלכע זיינען פארבאָרגן אין דער אבסטראַקטער פאָרמול פון „סאָציאַלער דערציונג“,

גיבן א פולשטענדיקן גרונט פעסטצושטעלן, אז די א. ג. „סאָציאַלע דערציונג" איז געווען אין תוך אן אַנטיסאָציאַלע דערציונג, און ערשט דאַן, ווען די סאָוויעטישע שול האָט פאַרביטן דעם אַבסטראַקטן טערמין פון „סאָציאַלער דערציונג", מיטן קאָנקרעטן ציל פון סאָציאַליסטישער דערציונג, דעם „אויטאָנאָמען יחיד" מיטן נייעם — סאָציאַליסטישן — מענטשן און דעם אינדיווידואַליסטישן הומאַניזם מיטן סאָציאַליסטישן, — ערשט דאַן איז בכלל מעגלעך געוואָרן א סאָציאַלע דערציונג (אָן גענדזנפיסלעך).

די סאָוויעטישע פעדאַגאָגיק באַזירט זיך אויף די פילאָזאָפישע יסודות פון דיאַלעקטישן און היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. זי שטרעבט צו קאָנקרעטיזירן און צו רעאַליזירן די דירעקטיוון פון לענינען: „ס׳איז נויטיק, אז דאָס גאַנצע פּראָבלעם פון דערציונג און בילדונג זאָל צוגעפירט ווערן צו דער פראַגע פון דערציען ביים יונגן דור א קאָמוניסטישע עטיק", דערביי ווערט דער דאָזיקער ציל אויפגעפאַסט נישט אַבסטראַקט־גייסטיק, נאָר קאָנקרעט־פּראַקטיש און שעפעריש: דערציען אַקטיווע און מוטיקע קעמפער פאַרן קאָמוניזם. די אידעאָלאָגיש־ אינטעלעקטועלע דערציונג ווערט ענג געקניפּט מיט דער עטישער. דער ריינער אויפגעקלערטער פאַרשטאַנד, באַוואָפנט מיט דער מאַרקסיסטיש־לענינישער טעאָריע, ווערט נישט באַטראַכט ווי אַ ציל פאַר זיך, ווייל די סאָוויעטישע פעדאַגאָגיק וואַרפט אָפּ דעם ריינעם אינטעלעקטואַליזם. דער פאַרשטאַנד דאַרף גיין האַנט ביי האַנט מיטן — קאָמוניסטישן — אָנגעלאָדענעם ווילן, מיטן דראַנג צו מעשים, מיטן באַגער צו אַנאַליזירן און צו געשטאַלטן די ווירקלעכקייט און מיט א סאָציאַליסטישער באַציונג צו אַרבעט. דערביי שטרעבט די סאָוויעטישע שול צו דערציען נישט טרוקענע אַנאַליטיקער און רעזאָנערן, נאָר לעבנסלוסטיקע און מוטיקע מענטשן מיט שטאַרקע כאַראַקטערן, מיט א פלאַמיק פּאַטריאָטישער ליבשאַפט צום ראַטן־פאַרבאַנד און מיט אַ גרייטקייט מקריב צו זיין זיך פאַרן פאָטערלאַנד און פאַר דער מענטשהייט.

די דרינגענדיקע אויפגאַבן פון דעם סאָציאַליסטישן אויפבוי, ווי אויך דער אינדעטערמיניסטישער און וואָלונטאַריסטישער גייסט פון דער סאָוויעטישער פּסיכאָלאָגיע און פון דער סאָוויעטישער לעבנס־פילאָזאָפיע האָבן בהדרגה אוועקגערוקט אין שאָטן די דעטערמיניסטישע טענדענצן און מעטאָדן פון דער עקספּערימענטאַלער פעדאַגאָגיק, וועלכע שוואַכן אָפּ די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דעם קינד פאַר זיינע מעשים. די סאָוויעטישע פעדאַגאָגיק פון דעם נייסטן פּעריאָד מאַכט יעדעס קינד פולשטענדיק פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע דערגרייכונגען (אין הסכם מיט דער אַלגעמיינער שטעלונג פון דער סאָוויעטישער מלוכה צו יעדן יחיד). ווילן, כאַראַקטער און אויסדויער אין דער אַרבעט ווערן אָנערקענט אלס שטאַרקערע פאַקטאָרן, ווי פיזישע און גייסטיקע פּרעדיספּאָזיציעס. גלייכצייטיק ווערט געלייגט א שטאַרקער אַקצענט אויף דער אינטעלעקטועלער בילדונג, אויף דער מאַטעריעלער און מעטאָדאָלאָגישער זעלבסטשטענדיקייט

פון באזונדערע לימודים און אויף דער גרינטלעכקייט און סיסטעמאטישקייט פון די ידיעות („אוטשאבא"). *)

די יידיש־וועלטלעכע שול האט זיך געשטעלט די אויפגאבע צו אנטוויקלען די מאדערנע וועלטלעך־נאציאנאלע יידישע קולטור אין סאציאליסטישן גייסט, די קולטור, וועלכע האט געדארפט דינען דעם נאציאנאלן רענעסאנס און דער סאציאלער באפרייאונג פון די יידישע מאסן. פארנעמענדיק א קעמפנדיקע פאזיציע לגבי אלע אנדערע שול־ און קולטור־ריכטונגען, האט זי געלייגט אין איר ארבעט א שטארקן אקצענט אויף די אלע מאמענטן, וועלכע זיינען געווען פאר איר ספעציפיש און האבן זי אויסגעטיילט אין קעגנזאץ צו אנדערע שולן. אויפן געביט פון די לימודים האט זיך די דאזיקע טענדענץ קודם־כל אויסגעדריקט אין דעם טרוקן־משכילישן, סאציאלאגיסטישן גייסט פון דעם געשיכטע־לימוד און פון דעם ליטעראטור־לימוד. אין משך פון א ריי יארן נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה האט די יידיש־וועלטלעכע שול אונטערגעהאלטן א דירעקטן און נאענטן קאנטאקט מיט דער מערב־איראפעישער שול־באוועגונג. די דעטערמיניסטישע און עקספערימענטאלע טענדענצן פון דער מערב־איראפעישער פעדאגאגיק זיינען נישט געווען אין קיין סתירה מיט דער געזעלשאפטלעכער פונקציע און מיט די אביעקטיווע אויפגאבן פון דער יידיש־וועלטלעכער שול, און דעריבער איז די השפעה פון די דאזיקע טענדענצן אויפן יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן געווען שטארקער און דויערהאפטער, ווי אויפן סאוועטישן. אין די וויכטיקסטע לימודים, סיי יידישע, סיי אלגעמיינע זיינען ארויסגערוקט געווארן אויפן ערשטן ארט די דערציערישע צילן און די פארמעלע דערגרייכונגען; די „אוטשאבא" אלס אזעלכע איז נישט געווען פאפולער. די מאטעריעלע און מעטאדאלאגישע זעלבסטשטענדיקייט פון באזונדערע לימודים איז גיכער באטראכט געווארן ווי א פעלער, דאקעגן האט געהערשט די נייגונג צו סינטעטישע מעטאדן — קאנצענטראציע, פראיעקטן, קאמפלעקסן און אנד.

גלייכצייטיק דארף אונטערגעשטראכן ווערן, אז אין דעם זעלבן קורצן פעריאד נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה האט זיך אין דעם יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן שטארק געפילט דער הייסער אטעם פון דער אקטאבער־רעוואלוציע און פון דעם ערשטן שטורמישן פעריאד פון דער סאוועטישער שול־באוועגונג. די רעוואלוציע אין רוסלאנד האט געגעבן דער יונגער יידיש־וועלטלעכער שול א מעכטיקן אידעישן אנשפאר און א קוואל פון גייסטיקע און פראקטישע אימפולסן. שעפנדיק פון מערב נייע פעדאגאגישע קאנצעפציעס, האט די יידיש־וועלטלעכע שול גלייכצייטיק גענומען פון מזרח די ברייטע דערציערישע פאר־

---

*) „O pedologicznych wypaczeniach w systemie Narkomprosów“ Uchwała CKWKP (b) z dnia 4-go lipca 1936 r.

מעסטונג און קודם־כל די פעדאַגאָגישע ראָמאַנטיק — דעם טיפן גלויבן אין דער מעכטיקייט און אין די אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן פון דעם פעדאַגאָגישן פּראָצעס... (דעם גלויבן, וועלכער איז אָביעקטיוו פאַלש, אָבער וועלכער באַפליגלט די פעדאַגאָגישע אַרבעט).

אַזוי אַרום האָט די יידיש־וועלטלעכע שול, וועלכע איז סטיכיש אויסגעוואַקסן אויפן יידישן באָדן און האָט פאַרמאָגט אַ דורכאויס אייגנאַרטיקע דערציערישע קאָנצעפּציע, געהאַט די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זיך אונטער צווייַ באַפרוכפּערנדיקע השפּעות, וועלכע האָבן פאַרשטאַרקט איר דינאַמיק און האָבן איר געהאָלפן פאַרנעמען אַ באַשיידענעם, אָבער אַ בכבודיקן אָרט אין דעם שול־וועזן פון דער וועלט.

ווי מיר זעען האָט אונדזער שול־וועזן, אַלס דאָס יינגסטע ריגנעלע אין דער קייט פון איינצלנע אַנשטאַלטן און פון גאַנצע שול־גרופּירונגען, וועלכע זייַנען געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט פון סאָציאַלער דערציונג, אַ רייכע און באַלערנדיקע גענעאַלאָגיע. מיר זייַנען נישט איינזאַם אין אונדזער אַלגעמיינער קאָנצעפּציע פון סאָציאַלער דערציונג: מיטן זעלביקן גייסט איז דורכגעדרונגען די נייע פּוילישע שול־רעפאָרם, אין דער זעלבער ריכטונג ווערט רעפאָרמירט דאָס שול־וועזן אין פראַנקרייך, אין ענגלאַנד און אין אַ רייִ קלענערע לענדער, אָבער אַזוי ווי געשיכטע חזרט זיך נישט איבער נישט אין דער כראָנאָלאָגישער צייט, נישט אין דעם געאָגראַפישן רוים, האָבן מיר פאַר זיך נישט קיין פאַרטיקע מוסטערן, נישט אין דער פאַרגאַנגענהייט, נישט אין דער קעגנוואַרט.

צוזאַמען מיטן גאַנצן פּוילישן שול־וועזן נעמען מיר פון דער סאָוויעטישער שול איר סאָציאַליסטישן גייסט, איר פונקציאָנעלע אייַנגעוואָרצלטקייט אין דער מלוכהשער ווירקלעכקייט און אין די דינאַמישע פּראָצעסן פון דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, איר פּראָגרעסיוון טראַדיציאָנאַליזם אין דער באַציונג צו נאַציאָנאַלע קולטור־ווערטן און אירע עגזאַקטע וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן. אונדזער באַציונג צו דער יידיש־וועלטלעכער שול איז די זעלבע, ווי די באַציונג פון דער הייַנטיקער פּוילישער ווירקלעכקייט צום פאַרמלחמהדיקן פּוילישן לעבן. דאָס איז די באַציונג פון המשכות און פון קעגנזאַץ. מיר ירשנען פון איר די פּרינציפּן פון דער יידישער לערנשפּראַך און פון וועלטלעכער דערציונג אין סאָציאַליסטישן גייסט, אָבער דער דאָפּלטער מויער פון איזאָלאַציע, מיט וועלכן ס׳איז געווען אַרומגערינגלט די יידיש־וועלטלעכע שול — איזאָלאַציע מצד דער דעמאָקראַטישער מלוכה און איזאָלאַציע לגבי דעם דעמאָקראַטישן יידישן כּלל — איז איצט פאַרשוווּנדן. פון דעם ערשטן מויער האָט אונדז באַפרייט די פּוילי־

שע דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע און דעם צווייטן וואָרפן מיר אליין אָפּ. מיר באַטראַכטן זיך פשוט פאַרן יידישן אָפּשניט פון פּוילישן מלוכהשן שול־וועזן און מיר ווילן בויען אונדזער שול אויפן יסוד פון נאַציאָנאַלער און דעמאָקראַטישער איינהייט פון דעם יידישן קיבוץ אין פּוילן. דאָס איז אינגאַנצן אַ נייע אויפגאַבע, אַ נייע קאָנצעפּציע, וועלכע האָט נישט קיין פּרעצעדענס! אין אונדזער שול־באַוועגונג און וועלכע קאָן פאַרווירקלעכט ווערן נאָר דורך אַ געמיינזאַמער אָנשטרענגונג פון אַלע אונדזערע שעפערישע דעמאָקראַטישע כוחות.

צווייטער קאַפּיטל

# די געשטאַלטונג פון דער פּערזענלעכקייט

ווען מיר טרעטן צו צו באַהאַנדלען די באַזונדערע געביטן און ריכ־טונגען פון דעם דערציונגס־פּראָגראַם, דאַרף קודם־כל באַמערקט ווערן, אַז דאָס איינטיילן די דערציונג אויף אַלגעמיין־מענטשלעכער, נאַציאָנאַלער, מלוכהשער, סאָציאַלער און א. וו. איז, פאַרשטייט זיך, נישט מער ווי אַ צוועקמעסיקע אַבסטראַקציע. די דערציונג איז פּונקט אַזוי אומטיילבאַר, ווי ס'איז אומטיילבאַר דער מענטש. דערציען אַ ייִדן, דערציען אַ מענטשן, דערציען אַ גוטן (פּוילישן) בירגער, דערציען אַ סאָציאַליסט — דאָס זיינען נאָר פאַרשידענע אַספּעקטן פון איין און דער זעלבער אויפגאַבע. ביים באַהאַנדלען אין שול דעם אָדער יענעם לערנשטאָף, ווי אויך ביי שמועסן, פייערלעכקייטן און א. וו. טרעט אַרויס אויפן ערשטן פּלאַן דער אָדער יענער אַספּעקט, אָבער אין דעם אַלגעמיינעם ס"ה פון דער דערציונגס־אַרבעט ווערן אַלע באַזונדערע אַספּעקטן אָרגאַניש פאַראייניקט אין דער גייסטיקער פּערזענלעכקייט פון דעם שילער. „די דערציונג גייט מיטן זעלבן וועג, ווי די מענטשלעכע קולטור: דאָס איז דער וועג פון דיפערענציאַציע און אינטעגראַציע". *)

מיר דאַרפן זיך קודם־כל קלאָר מאַכן, וועלכן מענטשלעכן טיפּ מיר ווילן דערציען, וועלכן אינהאַלט מיר לייגן אַריין אין דעם באַגריף „פּערזענלעכקייט". די דאָזיקע פראַגע דאַרף באַטראַכט ווערן פון עטלעכע שטאַנדפּונקטן:

## א. יחיד און כלל

דאָס דאָזיקע קעפּל קלינגט, ווי אַן אַנטיטעזע, ווייל אין משך פון לאַנגע דורות האָט די בירגערלעכע סאָציאָלאָגיע און די אינדיווידואַליסטישע פּעדאַ־גאָגיק אָנטקעגנגעשטעלט די דאָזיקע צוויי קאַטעגאָריעס און האָט געשאַפן אַ שעדלעכע סוגעסטיע, אַז דער יחיד קאָן געפינען זיין תיקון נאָר אין קעגנזאַץ צום כלל. אונדזער שול פאַראייניקט דיביידע קאַטעגאָריעס אין איין סינטעטישער גאַנצ־קייט. מיר ווילן טאַקע דערציען יחידים, פּערזענלעכקייטן, מענטשן מיט אַ רייכן און דורכאויס אייגנאַרטיקן אינערלעכן לעבן, אַזעלכע מענטשן, וועלכע זאָלן ליב

*) Dr. Żanna Kormanowa—Reforma szkolna w Anglji i we Francji, str. 21.

האָבן צו פאַרברענגען מיט זיך אַליין און זאָלן געפינען אַ גייסטיקע באַפרידיקונג אין דעם אינערלעכן דיאַלאָג מיטן אייגענעם „איך"; מיר וואַרפן אָפּ דעם קאָנפאָרמיזם אין דער דערציונג; מענטשן ברוכצאָלן פון דעם קאָלעקטיוו, מענטשן — קערנדלעך, וועלכע אַנטלויפן פון דער אייגענער פוסטקייט און געיאָגט דורכן בלינדן סטאַדע־אינסטינקט זוכן זיי כסדר אַרום זיך עפּעס אַ קרייז, אַ סביבה, — אַזעלכע מענטשן זיינען נישט אונדזער אידעאַל, אָבער אונדזער יחיד דאַרף זיך אַלזייטיק אויסלעבן אין דעם קאָלעקטיוו. דווקא דאָס צוזאַמענלעבן מיטן קאָלעקטיוו דאַרף אים געבן אימפּולסן צו דער אייגענער פאַרטיפונג און פאַרפולקאָמונג. ער דאַרף האָבן די אַמביציע אַריינצוטראָגן אין דעם קאָלעקטיוון לעבן דעם מאַקסימום פון שעפערישער ענערגיע. נישט אין אַ „טורעם פון העלפאַנט־ביין" דאַרף זיצן אונדזער יחיד, נישט אויף אינדיווידואַליסטישע סטעזשקעס דאַרף ער זוכן זיין לעבנס־וועג, נאָר ער דאַרף שטיין מיטן פּנים צום לעבן, ער דאַרף פילן אין זיך דעם מעכטיקן רוקנביין פון קאָלעקטיוו, ער דאַרף דעם לויפנדיקן שטראָם פון דער ווירקלעכקייט אַקטיוו אָבסערווירן, אַקטיוו אַנאַליזירן און ער דאַרף פאַרמאָגן די אַמביציע צו געשטאַלטן דעם דאָזיקן שטראָם אין הסכם מיט זיין געזעלשאַפטלעכער אידעאָלאָגיע. דער נישט לאַנג־פאַרשטאָרבענער גרויסער פראַנצויזישער געלערנטער פּראָפ. פּיער לאַנזשעווען — איינער פון די פירער פון דער רעזיסטאַנץ־באַוועגונג און דער גייסטיקער פאָטער פון דער פראַנצויזישער שול־רעפאָרם — שרייבט: „די שול דאַרף דערציען אין אַ האַרמאָנישער גלייכגעוויכט פון דערקענטעניש און האַנדלונג אַ רייכע פערזענלעכקייט, וועלכע זאָל פעיק זיין צו סובאָרדינירן זיך די אינטערעסן און די אַקציעס פון כלל... די שול דאַרף אויסלערנען דאָס קינד צו לעבן געזעלשאַפטלעך און דעמאָקראַטיש, זי דאַרף אַנטוויקלען ביי די קינדער די גרונט־מעלות פון אַ דעמאָקראַטישן בירגער: געפיל פון אחריות, באַוווסטזיניקע דיסציפּלין, קרבנות־גרייטקייט לטובת הכלל און אַקטיווקייט". *)

די דאָזיקע אויפגאַבע — צו דערציען אַ סאָציאַל־פילנדיקן און אַ סאָציאַל־ווירקנדיקן יחיד קאָן נישט פאַלן מיט דער גאַנצער לאַסט אויף דער שול, אָבער די שול אַלס לערנאַנשטאַלט און אַלס לעבנס־געביט האָט אין איר רשות אַ גאַנצן אַרסענאַל פון מיטלען, וועלכע קאָנען אין אַ באַדייטנדיקער מאָס לייזן די דאָזיקע אויפגאַבע. דער ערשטער עטאַפּ פון דער דאָזיקער אַרבעט ווערט דורכגעמאַכט שוין אין די ייִנגערע קלאַסן. דאָרט באַקעמפן מיר דעם נאַיוון עגאָצענטריזם פון די קליינע קינדער און מיר סובלימירן אים אין געזעלשאַפטלעכער אַקטיווקייט אויפן געביט פון קלאַסן־לעבן; דאָרטן פעדימען זיך איין די ערשטע פריינטשאַפטן, די ערשטע קרייזן, די ערשטע געמיינזאַמע אונטערנעמונגען; דאָרטן ציען מיר שוין אַריין די קינדער אין די אַלגעמיינע אינטערעסן פון דעם קלאַס און פון דער שול, געבנדיק זיי דערביי די מעגלעכקייט אַרויסצוווייזן זייערע פעיקייטן און איניציאַטיוו. אין די מיטעלע און אין די העכערע קלאַסן ווערט די דאָזיקע אַרבעט סיסטעמאַטיש פאַרברייטערט און

*) Dr. Żanna Kormanowa—Reforma szkolna w Anglji i we Francji, str. 20

פּאַרטיפֿט. גלייכצייטיק באַקומט זי אַ מעכטיקן אימפּולס דורך די לימודים פֿון ליטעראַטור און געשיכטע: די אידעען פֿון ברידערלעכקייט און מענטשלעכקייט, פֿון מסירת נפש, אידעאַליזם און העלדנמוט, ווי אויך די געשטאַלטן פֿון גרויסע פּערזענלעכקייטן טראָגן אַריין אין דער דאָזיקער אַרבעט אַ טיפֿע עמאָציאָנעלע באַפֿאַרבונג און אַ אידעישע באַזע.

## ב. געפֿיל און פֿאַרשטאַנד

אויך אין דער פֿראַגע פֿון עמאָציע און פֿאַרשטאַנד, פֿון האַרץ און מאַרך וואַרפֿן מיר אָפּ די אַנטיטעזע און מיר שטעלן זיך אויפֿן שטאַנדפּונקט פֿון גלייכגעוויכט, פֿון האַרמאָניע — דערביי אָבער דאַרף מען זיך פֿאַרטראַכטן, וועלכע פֿון די דאָזיקע צוויי גייסטיקע קאַטעגאָריעס האָט געהאַט די איבערוואָג אויף דער וואָגשאָל פֿון אונדזער פּעדאַגאָגיק, כּדי ס'זאָל קלאָר ווערן, אין וועלכער ריכטונג האַרף גיין דער אויסגלייך, די האַרמאָניזירונג.

מיר לעבן אין אַ צייט, ווען די גאַנצע מערבֿ־אייראָפּעישע און אַמעריקאַנישע פּעדאַגאָגישע וועלט שלאָגט זיך על חטא אויף דער ביטערער דערפֿאַרונג פֿון דער לעצטער וועלט־מלחמה. די אינפֿערנאַלע געשטאַלט פֿון דעם „אויפֿגעקלערטן" ס־ס־מאַן, וועלכער וואַרפֿט קליינע קינדער אין די פֿלאַמען פֿון קרעמאַטאָריום און הייצט דעם אויוון מיט טאָלסטאָיס מאַנוסקריפּטן און מיט כּשייקאָווסקיס פּאַרטיטורן, האָט געשטעלט די וועלט פֿאַר אַ טראַגיש רעטעניש: פֿון וואַנען האָט זיך גענומען די דאָזיקע פּערזענליש? אויף וועלכן באָדן איז אויסגעוואַקסן די דאָזיקע פֿאַרסמטע פּירה פֿון דער אייראָפּעישער קולטור? און די הויפּט־פֿראַגע, וועלכע פּייניקט דאָס געוויסן פֿון די פּראָגרעסיווע פּעדאַגאָגן: פֿאַרוואָס האָט די כוואַליע פֿון דעם פֿאַשיסטישן גייסט אָנגעטראָפֿן אויף אַזאַ שוואַכן ווידערשטאַנד אין די רייען פֿון דער מערבֿ־אייראָפּעישער אינטעליגענץ? ווו דאַרף מען זוכן די וואָרצלען פֿון אַזאַ אויסטערלישער דערשיינונג, ווי די קאָלאַבאָראַציע? פֿאַרוואָס האָט די מערבֿ־אייראָפּעישע שול דערצויגן אַזעלכע אינטעלעקטואַליסטן, ווי מאַרסעל דעאַ, וועלכער האָט אין די גורל־טעג פֿון אויגוסט 1939 דערקלערט עפֿנטלעך, אַז ער וויל בעסער לעבן אין אַ דייטשן פּאַריז איידער שטאַרבן פֿאַר דאַנציג?

אויף די דאָזיקע טראַגישע שאלות גיט דער פּראָגרעסיווער פּעדאַגאָגישער געדאַנק די פֿאָלגנדיקע תּשובֿה: אַפּסטראַהירנדיק, נאַטירלעך, פֿון די דעצידירנדיקע אינטערנאַציאָנאַל־פּאָליטישע און סאָציאַל־פּאָליטישע פֿאַקטאָרן, וועלכע האָבן געעפֿנט פֿאַרן פֿאַשיזם טיר און טויער אין די מוחות און הערצער פֿון דער בורזשואַזער אינטעליגענץ. די שולד פֿון דער שול באַשטייט אין דעם, וואָס זי איז געווען איינזייטיק־ראַציאָנאַליסטיש, זי האָט געזאָרגט נאָר וועגן וויסן, זי האָט געדינט דער עבֿודה זרה פֿון דעם ריינעם אינטעלעקטואַליזם, דאַקעגן האָט זי זיך נישט באַשעפֿטיקט מיט דער כאַראַקטער־בילדונג, זי האָט נישט געוועקט קיין אידעישע עמאָציעס, זי האָט נישט איינגעפֿלאַנצט אין די

ייִנגע דורות די אידעען פון ברידערלעכקייט, פון פרייהייט, פון דעמאקראטיע, פון אכטונג צום מענטשן: דעריבער דארף די נייע שול דערציען שטארקע עטישע כאראקטערן. מיטן דאזיקן גרונטגעדאנק איז דורכגעדרינגען דער ענגלישער Education Act פון 1944 יאר, דער זעלבער ציל באפליגלט אויך די פראנצויזישע שול־רעפארמער (די קאמיסיע פון פראפ. פ. לאנזשעווען).

די זעלבסטבאשולדיקונג פון די פראגרעסיווע פעדאגאגישע קרייזן איז אן שום ספק א באגריינדעטע (זי האט נאר דעם חסרון, וואס זי שטעלט בלויז דעם דיאגנאז פון דער קראנקייט, אבער זי ווייזט נישט אן אירע טיפערע סאציאל־פאליטישע סיבות). ס׳איז טאקע אמת, אז די ירושה פון 18־טן י״ה, די ירושה פון די אויפקלערער דריקט נאך ביזן היינטיקן טאג, ווי א שווערע לאסט, אויף אונזערע קולטור־באגריפן און במילא אויך אויף אונדזער פעדאגאגיק. דער אידעאל פון דעם אויפגעקלערטן מענטשן, דער גלויבן אין וויסן און אין חעם ריינעם פארשטאנד, אלס די וועזנטלעכע סימנים פון א קולטורמענטשן און די זיכערסטע גאראנטיע פון פראגרעס, באהערשן נאך ביזן היינטיקן טאג דעם פעדאגאגישן געדאנק. ביכער־חכמה איז נאך עד היום די זיכערסטע לעגיטימאציע פון אינטעליגענץ. ס׳איז אויך ריכטיק, אז די שול האט נישט געזארגט וועגן דער פארטיפונג און געשטאלטונג פון דער עמאציאנעלער ספערע (בלויז די קינסטלערישע עמאציעס האבן זיך דערווארבן א גאנץ באדייטענעם פלאץ אין דער שול־ארבעט א דאנק די ארטיסטישע לימודים) בילדונג אין בריטן זין פוןווארט, בילדונג מיט א גרויסן „ב״, אלס אלזייטיקע געשטאלטונג פון געדאנק, געפיל און כאראקטער, איז נאך נישט אריינגעדרונגען אין דער שול. הגם א גאנצע ריי שול־רעפארמער האבן שוין לאנג געפאדערט, אז דאס הארץ און דער כאראקטער זאלן ווערן גלייכבארעכטיקט אין דער שול־פראקטיק. דער שול־ווארשטאט פארנעמט זיך נאך אלץ הויפטזעכלעך מיט וויסן, ער גיט בילדונג אין א באגרענעצטן ענג־ראציאנאליסטישן פארנעם, בילדונג מיט א קליינעם „ב״. אין די בילדונגס־באגריפן פון די ברייטערע קולטור־קרייזן (און במילא אויך אין דער פראקטישער פעדאגאגיק) איז נאך טיף איינגעווארצלט די אלטע ראציאנאליסטישע ירושה, וועלכע צייכנט זיך אויס נישט נאר מיטן קולט פארן ריינעם פארשטאנד, נאר אויך מיט דער גרינגשעצונג פון אלע איראציאנאלע און בפרט עמאציאנעלע מאמענטן פון אונדזער פסיכישן לעבן. פאפירענע ביכער־ידיעות האבן נאך אין אונדזערע אויגן א סך א גרעסערע חשיבות, ווי צום ביישפיל קינסטלערישע בילדונג. נישט וויסן, ווי ס׳הייסט די הויפט־שטאט פון טשילי אדער פון פאראגוויי, איז א שטיקל קאמפראמיטאציע, אבער נישט האבן קיין באגריף וועגן בעטהאווענס „פינפטער״ אדער וועגן טשייקאווסקיס „פאטעטישער״ איז א גאנץ נארמאלע דערשיינונג. פארגעסן חלילה, ווי ווייט ס׳איז פון דער ערד ביז דער זון איז א בפירושע חרפה, אבער נישט אונטערשיידן דעם ראמאנישן סטיל פון דעם גאטישן איז אבסאלוט קיין חרפה נישט, ווייל „קונסט געהערט דאך נישט צו בילדונג״.

אַט דער דאָזיקער שגעון פון ביכער־חכמה, אַט דער עבודה־זרה־קולט פון דעם ריינעם פאַרשטאַנד, וועלכער איז איבערגעלאָזט געוואָרן ווי אַ שיף אָן אַ רודער, אויפן אייגענעם באַראַט און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן, אין אַ מין perpetuum mobile אָן אַ וועלט־אַנשויִלעכן וועגווייזער, אַט דאָס אַלץ האָט אַריינגעפּרעסט דעם פּעדאַגאָגישן פּראָצעס אין די ד' אמות פון מוח־גימנאַסטיק, האָט גורם געווען די דעגענעראַציע פון דער שול און האָט אין רעזולטאַט געגעבן אַ דור אָן אַ פעסטן רוקנביין.

נאַטירלעך, וואָלט געווען אַן אומזין אַריבערצוּוואַרפן זיך פון דעם איינזייטיקן ראַציאָנאַליזם אויף אַ פּרינציפּלאָזן עמאָציאָנאַליזם, ווייל ס'זיינען דאָ עמאָציעס און עמאָציעס. די היטלער־יוגנט איז דאָך דערצויגן געוואָרן דורכאויס עמאָציאָנעל, און טשייקאָווסקיס פּאַרטיטורן האָבן דאָך פּאַרבונדן די זין פון דעם געמיטלעכסטן פאָלק אויף דער וועלט און די פאָלקס־ברידער פון בעטהאָווענען, מאָצאַרטן און שובערטן. „מיר גיבן זיך אָפּ אַ חשבון, אַז עמאָציע איז אַ בלינדע קראַפט, וועלכע קאָן דינען פונקט אַזוי דעם יצר טוב, ווי דעם יצר הרע, וועלכע קאָן ווירקן שעפעריש און דעסטרוקטיוו, וועלכע קאָן שטויסן די וועלט פאָרויס צו אַ בעסערער צוקונפט, אָבער קאָן פון דער אַנדערער זייט ווערן אַן אבן־נגף אויפן וועג צום פּראָגרעס און ווירקן ווי אַ קראַפט, וואָס פאַרניכטעט ווי אַ לאַווינע".*)

נאַטירלעך קומען פאַר אונדז אין באַטראַכט נאָר די יעניקע עמאָציעס, וועלכע פירן די וועלט פאָרויס צו אַ בעסערער צוקונפט", ד. ה. די עמאָציעס פון ברידערלעכקייט, פון פרייהייט, פון נאַציאָנאַלן כבוד, פון אַכטונג צום מענטשן, אַלס דעם העכסטן אוצר, ווייל נאָר די דאָזיקע עמאָציעס זיינען מסוגל צו באַהעפטן דעם ריינעם, אָבער קאַלטן פאַרשטאַנד מיטן וואַרעמען שטראָם פון מענטשלעכקייט.

פעסטשטעלנדיק, וועלכע עמאָציעס מיר ווילן קולטיווירן, און באַשטי־מענדיק זייער כאַראַקטער, (וועלכער איז, אַגב, פאַר אונדז אַ זעלבסטפאַר־שטענדלעכע זאַך) זיינען מיר ערשט בלויז צוגעגאַנגען צום אייגנטלעכן פּע־דאַגאָגישן פּראָבלעם. ס'האַנדלט זיך וועגן צוויי פראַגן: 1) פונוואַנען זאָלן מיר שעפּן דעם מאַטעריאַל פאַר דער עמאָציאָנעלער בילדונג? 2) ווי אַזוי זאָלן די דאָזיקע עמאָציעס אַריינגעפירט ווערן אין שול־לעבן? די ערשטע פראַגע רופט נישט אַרויס קיין שום ספקות: מיר קאָנען נישט און מיר טאָרן נישט אָנווענדן וועלכע נישט איז קינסטלעכע מיטלען אַרויסצורופן ביי די קינדער די אָדער יענע געפילן, מיר קאָנען זיך שטיצן נאָר אויף דער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכ־קייט, און אויף די לימודים. וואָס אַנבאַלאַנגט דער צווייטער פראַגע, וועלכע האָט אַ וויכטיקע מעטאָדישע באַדייטונג, דאַרף מען נעמען אין אַכט, אַז דער איינזייטיקער ראַציאָנאַליזם קאָן נישט באַקעמפט ווערן פון דרויסן, דורך אַ

*) T. Wojeński — Przedmioty humanistyczne w nowej szkole. Ogólno-polski Zjazd Oświatowy w Łodzi, str. 150.

מעכאַנישן עמאָציאָנעלן צוגאַב. די לייזונג באַשטייט אין דעם, אַז דאָס געפיל
און דער פאַרשטאַנד זאָלן נישט באַהאַנדלט ווערן ווי אָפּגעזונדערטע גייסטיקע
געביטן, נאָר ווי עלעמענטן פון איין פסיכישער גאַנצקייט, ווי אַספּעקטן פון
איין און דעם זעלבן פסיכישן וועזן, וועלכע דרינגען זיך דורך און באַווירקן
זיך קעגנזייטיק. דער דאָזיקער צוגאַנג וועט זיין פולשטענדיק אין הסכם מיט
דער שוואַכער דיפערענצירטקייט פון דעם גייסטיקן לעבן פון דעם קינד אין
שול־עלטער, ביי וועלכן די עלעמענטן פון געפיל און פאַרשטאַנד זיינען אומ־
טיילבאַר פאַרבונדן. מיר דאַרפן לערנען און דערציען דאָס קינד אַזוי, אַז זיין
פאַרשטאַנד זאָל האַרציק ווערן, און זיין האַרץ זאָל קלוג ווערן. דעם איינזייטיקן
ראַציאָנאַליזם קאָן מען באַקעמפן נאָר פון אינעווייניק, ד. ה. אַז דער לערן־
פּראָצעס דאַרף אין דער ווייטגייענדיקסטער מאָס ווערן עמאָציאָניזירט. דאָס איז
נוגע נישט נאָר די לימודים פון ליטעראַטור און געשיכטע, וועלכע דאַרפן ווערן
דורכגעדרונגען מיט אידעישע, מאָראַלישע, נאַציאָנאַלע און קינסטלערישע
עמאָציעס, נאָר אויך די עקזאַקטע לימודים (מאַטעמאַטיק, נאַטורוויסנשאַפט),
וועלכע דאַרפן וועקן אינטעלעקטועלע עמאָציעס און פון דער אַנדערער זייט דאַרף
דאָס עמאָציאָנעלע לעבן פון קינד געצוימט און קאָרעגירט ווערן דורכן שכל־
הישר. מיר דאַרפן פאַרהיטן די קינדער פון היסטערישער פילבאַרקייט און
פון צשוומענער סענטימענטאַלקייט. מיר דאַרפן ספּעציעל באַקעמפן די קרענק־
לעכע רעאַקציע פון אונדזערע יידישע קינדער אויף יעדן — אפילו דעם שוואַכסטן
פיזישן ווייטיק, דאָס פּיעשטשען זיך און דאָס דעמאָנסטרירן „פאַר דער
עפנטלעכקייט" די אייגענע ליידן (דאָס נעמלעכע קאָן געזאָגט ווערן אויך וועגן
פרייד). ספּאַרטאַנישע באַהערשטקייט און דיסקרעציע לגבי זיך אַליין און לגבי
די אייגענע איבערלעבונגען — דאָס איז אַ גרויסע מעלה, וועלכע מיר דאַרפן
קולטיווירן ביי אונדזערע קינדער (און קודם־כל ביי זיך אַליין).

די אידעאָלאָגישע דערציונג וועט אויך געבן טיפערע און מער דויער־
האַפטע רעזולטאַטן, ווען זי וועט זיך שטיצן נישט נאָר אויפן פאַרשטאַנד,
נאָר אויך אויף סיסטעמאַטישע איבערלעבונגען. די אידעען פון ברידער־
לעכקייט, פון מסירת־נפש, פון נאַציאָנאַלן כבוד און פון העלדנמוט וועלן אַ
סך לייכטער אריינדרינגען אין די נשמות פון קינדער דורכן האַרץ, ווי דורכן
קאָפּ. אַ שטימונגספולער שמועס (באַגלייט מיט בילדער און לידער) וועגן אַזעל־
כע פּערזענלעכקייטן, ווי הירש לעקערט, ווי נפתלי באָטווין, אָדער מרדכי
אַניעלעוויטש וועט איבערלאָזן אַ סך טיפערע שפּורן, ווי אַ זאַכלעכער פאָר־
טראַג. די אידעאָלאָגישע דערציונג אין דער פּראָפּעדעווטישער שול (1 — 5־טע
קל.) דאַרף טראָגן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער (נאַטירלעך נישט אין דער געט־
לעכער, נאָר אין דער עמאָציאָנעלער באַדייטונג פון דעם דאָזיקן וואָרט); זי
דאַרף געבן די קינדער נישט קיין „שטאַנדפּונקטן" און „שטעלונגען", נאָר
שטאַרקע עמאָציעס און טיפן גלויבן. אויף דער העכערער שטופּע (6 — 8־טער
קל.) דאַרף מען בהדרגה אריבערטראָגן דעם שווערפּונקט פון דער אידעאָלאָ־
גישער דערציונג אויף די עלעמענטן פון וויסן, פון באַוווסטזיין און פון קרי־
טישן פאַרשטאַנד און בהדרגה אונטערבויען אונטער די אידעישע עמאָציעס,

וועלכע פאַרלירן נישט זייער באַדייטונג אויך אויף דער דאָזיקער שטופע, א סאָלידע ראַציאָנעלע באַזע. דערביי דאַרף גענומען ווערן אין אַכט (וועגן וואָס ס'איז שוין גערעדט געוואָרן אין דעם פאָרוואָרט (זייט 16), אַז די אידעאָלאָגישע דערציִונג אַפילו אויף דער עלטערער שטופע פון דער פאָלקס־שול האָט נאָר דעם ציל צו געבן דיספּאָזיציעס צו א וועלט־אַנשויונג, און דעריבער דאַרף מען אויסמיידן וועלכע נישט איז טעאָרעטישע און אַבסטראַקטע פאָרמולירונגען און דעפיניציעס, ווייל דאָס וואָלט געווען א ווערבאַליסטישע און שעדלעכע אַרבעט.

דאָס פּראָבלעם „עמאָציע און פאַרשטאַנד" האָט פאַרנומען א באַדייטנדיקן אָרט אין די אַרבעטן פון דער הומאַניסטישער קאָמיסיע אויפן אַלפּוילישן בילדונגס־צוזאַמענפאָר אין לאָדזש (18 — 22 יוני 1945). גענויער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער דאָזיקער פראַגע דער באַקאַנטער פּוילישער פּעדאַגאָג טעאָפיל וואָיענסקי. אין זיין רעפעראַט „די הומאַניסטישע לימודים אין דער נייער שול" האָט ער קודם־כל אַקצענטירט די אינטעלעקטועלע באַדייטונג פון די הומאַניסטישע לימודים און האָט אונטערגעשטראָכן, אַז די דאָזיקע לימודים דאַרפן אַנטוויקלען ביים שילער „ א ראַציאָנעלע שטעלונג צו די דערשיינונגען פון קאָלעקטיוון לעבן" און „אַן אַלגעמיינע אָריענטאַציע אין די טענדענצן, וועלכע געשטאַלטן די הייַנטיקע פּוילישע ווירקלעכקייט".*) דאָס איז געווען א פאַרשטענדלעכע און א נויטיקע רעאַקציע קעגן דעם גייסט פון דער סאַנאַציע־שול, וועלכע האָט אויסגעלייזדיקט די הומאַניסטישע לימודים פון דעם ווייסנשאַפטלעכן מעטאָד און גייסט, וועלכע האָט ביי די דאָזיקע לימודים אַוועקגענומען זייער זעלבשטענדיקייט און געשאַפן פון זיי בלויז „סינטעטישע" קאָמפּלעקסן („ווייסנשאַפט פאַר פאָלק"), ווו די לימודים האָבן זיך קעגנזייטיק באַדינט — צום שאָדן פון יעדן לימוד באַזונדער. אָבער צוגלייך מיט דער פאָדערונג, אַז די הומאַניסטישע לימודים זאָלן ווערן א שול פון קריטישן פאַרשטאַנד, שטרייכט אונטער וואָיענסקי: „איך דערשאַץ אין דער פולער מאָס דאָס עמאָציאָנעלע, אַלס א וועזנטלעכע מאָטאָרישע קראַפט פון אינדיווידועלן און קאָלעקטיוון לעבן. איך גיב זיך פולשטענדיק אָפּ א חשבון, אַז ס'קאָן קיין רייד נישט זיין וועגן דערציִען א גוטן בירגער, אויב מיר וועלן נישט אַרומרינגלען מיט דער גרעסטער זאָרגעוודיקייט די עמאָציאָנעלע ספערע פון דער יוגנט. איך גיב זיך אָפּ א חשבון, אַז אויף דעם דאָזיקן געביט האָט דער דערציער א ברייטן פעלד צו אַנטוויקלען די וויכטיקסטע פון עטישן און געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט עלעמענטן פון דער פערזענלעכקייט, ווי: דינאַמישקייט, אַקטיווקייט, מוטיקייט, קרבנות־גרייטקייט און מסירת־נפשדיקן אידעאַליזם. אין דער הינזיכט פאַרמאָגן די הומאַניסטישע לימודים — באַזונדער די מוטערשפּראַך און געשיכטע — אַן אוצר, וועלכער דאַרף ווי געהעריק אויסגענוצט ווערן**)

*) Ogólno-polski zjazd oświatowy str. 151
**) Ogólno-polski zjazd oświatowy str. 150

אונדזער נעגאַטיווע אָפּשאַצונג פון דעם איינזייטיקן ראַציאָנאַליזם דאַרף בשום אופן נישט אויסגעטייטשט ווערן, ווי א פאַרלייקענונג פון דעם ראַציאָנאַליזם בכלל. פאַרקערט, מיר אנערקענען אין דער פולער מאָס, אז דער ראַציאָנאַליסטישער שטראָם איז שטענדיק געווען אַ מעכטיקער פּראָגרעסיווער כוח, וועלכער האָט געשטויסן די מענטשהייט פאָרויס צו אַ העכערן און בעסערן לעבן. דאָס איז נוגע סיי דעם ראַציאָנאַליזם פון 18טן י״ה, סיי — אין נאָך אַ גרעסערער מאָס — דעם ראַציאָנאַליזם פון 19טן י״ה — דעם ראַציאָנאַליזם פון דאַרווינען און מאַרקסן. מיר ווילן דורכאויס דערציען ביי אונדזער יונגן דור א קלאָרן וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג צו פאַרשיידענע פּראָבלעמען פון דער מאַטעריעלער און סאָציאַלער וועלט. איינער פון די וויכטיקסטע עלעמענטן פון אונדזער דערציונגס־פּראָגראַם איז דאָך דער פּאָסטולאַט פון סאָציאַליסטישן הומאַניזם אויף אַ ראַציאָנעלן וויסנשאַפטלעכן יסוד. אָבער דער ראַציאָנאַליזם אלס קולטור־היסטאָרישע ריכטונג און ראַציאָנאַליזם אלס פּעדאַגאָגיש־דידאַקטישער פּרינציפּ — דאָס זיינען צוויי פאַרשיידענע זאַכן. אין דער שול־אַרבעט דאַרף דער פאַרשטאַנד אנטוויקלט ווערן אין ענגסטער קעגנזייטיקער פאַרבינדונג מיט אידעישע דיספּאָזיציעס און מיט דערהויבענע מענטשלעכע, דעמאָקראַטישע, סאָציאַליסטישע עמאָציעס, אז נישט פאַרוואַנדלט זיך דער אינטעלעקט אין א קראַפט, וועלכע פאַרמאָגט נישט קיין ריכטונג און קיין ציל, אין א קראַפט, וועלכע איז אַ־געזעלשאַפטלעך און קאָן דעריבער ווערן אנטי־געזעלשאַפטלעך, וועלכע איז אַ־מאָראַליש און קאָן דעריבער ווערן אנטימאָראַליש. דער גלייכהייט־צייכן, וועלכן די אויפקלערער האָבן געשטעלט צווישן פאַרשטאַנד און מאָראַל, איז נישט מער ווי א כאַראַקטעריסטישער אויסדרוק פון נאַאיווער ראַציאָנאַליסטישער התפּעלות. מ׳דאַרף זיך אָפּגעבן אַ חשבון, אז דער אינטעלעקט אַן און פאַר זיך גיט נישט קיין גאַראַנטיעס פון קיין סאָציאַל־עטישער באַציונג צו מענטשן און צו לעבנס־פּראָבלעמען, גיכער פאַרקערט: די אינטעלעקטואַליסטישע זעלבסטצופרידנקייט שאַפט גראָד זייער א גינסטיקן באָדן פאַר א סקעפּטיש־ציניש̇ער באַציונג צו אַלע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען און ווערטן. אויפן פּיעדעסטאַל פון אינטעלעקטועלער ראַפינירטקייט זיצט גאַנץ אָפט די moral insanity פון דעם גייסטיק־אויסגעלייזדיקטן מענטשן, וועלכער קוקט מיט בטול פון אויבן אראָפּ אויף דער „נאַאיווער" מאַסע מיט אירע „נאַרישע" פּראָבלעמען פון יושר און גערעכטיקייט, מיט איר „קינדישן" גלויבן אין אזעלכע „פּוסטע זאַכן", ווי נאַציאָנאַלער כבוד, פאָטערלאַנד א. א. וו. איינער פון די אקטיווסטע טוער פון דער לאַנזשעווין־קאָמיסיע רענע קאַפּיטאַן שרייבט: „מיר היטן זיך אָפּ פון נישט דערשאַצן אָדער גרינגשעצן די אינטעלעקטועלע קולטור, אָבער אין די נסיונות פון דער מלחמה און אין די קאַמפן פון דער „רעזיסטאַנס" האָט פראַנקרייך דערוואָרבן די איבערצייגונג אין דער דעצידירנדיקער באַדייטונג פון מאָראַלישע און — כאַראַקטער־ווערטן; אין זייער א סך פאַלן האָבן גלענצנדיקע, אָבער שוואַכע און קאָרומפּירטע גייסטער נישט ארויס־

געוויזן די דאָזיקע מעלות.*) — „ראַציאָנאַליזם אָן א וועלטאַנשויכלעכער דע־קונג, עטישער אינדיפערענטיזם מיט א ברייטן פעלד פון טאָלעראַנץ, העדאָ־גיסטישער לעבנס-קלימאַט, עגאָטיזם און צעשטויבטע געזעלשאַפטלעכקייט" — אָט איז דער באָדן, אויף וועלכן ס'איז אויסגעוואַקסן די קאָלאַבאָראַציע.**)

איצט ווען מיר האָבן שוין ארומגערעדט דאָס פּראָבלעם „געפיל און „פאַרשטאַנד" אין דער גאַנצער ברייט, אלס איינע פון די קאַרדינאַלע דערצי־ערישע פראגן, אויף וועלכע ס'קאָנצענטרירט זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּעדאַגאָגישער וועלט נאָך דער מלחמה, קאָנען מיר שוין אויפן דאָזיקן פּאָן באַהאַנדלען דאָס זעלבע פּראָבלעם פון שטאַנדפונקט פון אונדזער יידישן שול־וועזן. די יידישע שול זיצט נישט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק. מיר, יידן, האָבן זיך באַטייליקט אין דער לעצטער גרויסער וועלט־שחיטה הויפּטזעכלעך אלס קרבנות און מאַרטירער, טיילווייז אלס העלדן (איינצעלנע טרויעריקע אויסנאַמען ענדערן נישט דעם דאָזיקן אלגעמיינעם פאקט.) אָבער דאָס פּראָבלעם „עמאָציע און פאַרשטאַנד" דאַרף געשטעלט ווערן אויך פאַר אונדזער שול־וועזן מיט דעם אונטערשייד, אז ביי אונדז איז דאָס נאָר א ריין פּעדאַגאָגישע פּראַגע. דאָס פאַרמלחמהדיקע יידישע געזעלשאַפטלעכע שול־וועזן, פון וועלכן מיר פירן ארויס אונדזער גענעאַלאָגיע, האָט אויך געהאַט אן איינזייטיק־ראַ־ציאָנאַליסטישע באַפאַרבונג. דאָס איז געווען א ראַציאָנאַליזם פון ראַדיקאַלן שניט מיט א בולטער סאָציאַליסטישער טענדענץ און דעריבער האָט ער נישט געקאָנט ברענגען די דאָזיקע טרויעריקע קאָנסעקווענצן, וועלכן פאַלן, ווי א שווערער שאָטן, אויף דער איראָפּעישער שול. אָבער אויב ס'האַנדלט זיך אין גייסטיקן טיף פון אונדזער פאַרמלחמהדיקן שילער, האָבן מיר אויך דערצויגן קליינע רעזאָנערן און חקרנים באַוואָפנטע מיט „שטאַנדפונקטן" און „שטעלונגען". פון דעם חדר און פון דער ישיבה האָבן מיר געירשנט דעם אידעאַל פון „קלוגן יידישן קעפּל" פון „שאַרפן מוח", און אָט דער דאָזיקער צווייפלהאַפטער אידעאַל האָט באַגייסטערט דעם יידישן פּעדאַגאָג פון אלע ריכטונגען. „דאָס יידישע קעפּל" איז געווען אן אָביעקט פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ (דער קולט פאַרן למדן, פאַרן בן־תורה איז דאָך ביי אונדז אן אלטע נאַציאָנאַלע טראַדיציע). מיט דער צייט האָט זיך געענדערט דער אינהאַלט פון דער תורה, אָבער די דערציערישע טענדענץ איז געבליבן די זעלביקע, — און דאָס איז געווען א טרוקענע ראַ־ציאָנאַליסטישע טענדענץ. דער לערער פון דער יידיש־וועלטלעכער שול האָט זיך פונקט אזוי באַגייסטערט מיטן קינד, וואָס „רעדט ווי א דערוואַקסענער", ווי דער אַמאָליקער רבי. דער פּאַרטייאישער כאַראַקטער פון די יידיש־וועלטלע־כע שולן און דער צושטאַנד פון דאָפּלטער איזאָלאַציע, אין וועלכן זיי האָבן זיך געפונען, האָט אויפגענומען ביי די דאָזיקע שולן די צוויי וויכטיקסטע קוואַלן פון עמאָציאָנעלער באַגייסטערונג — פּאָטערלאַנד און פאָלק — און האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט זייער איינזייטיק־ראַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער.

*) Dr. Żanna Kormanowa — Reforma szkolna w Anglji i we Francji, str. 13
**) Dr. Żanna Kormanowa — Reforma szkolna w Anglji i we Francji, str. 11

דער ניכטערער משכילישער גייסט פון דער יידיש־וועלטלעכער שול האט זיך באזונדערס נעגאטיוו אפגערופן אויף די צוויי וויכטיקסטע פאר דער עמאַציאָנעלער דערציונג לימודים — דעם ליטעראטור־לימוד און דעם געשיכטע־לימוד. איך וועל ברענגען (מיט קליינע ענדערונגען) א געהעריקן אויסצוג וועגן דער דאָזיקער פראגע פון די מעטאָדישע אָנווייזונגען צום יידיש־פראָגראַם. „וועלכע פעלערן ווארפן זיך אין די אויגן אויף דעם געביט (פון באַארבעטן מיט די קינדער א ליטעראַרישן פראַגמענט) אין דער אַרבעט פון אונדזערע שולן? (אגב זיינען דאָס נישט קיין צופעליקע פעלערן, נאָר אַ טראַדיציע, אַ שעדלעכע טראַדיציע). דאָס זיינען: 1) אַ שטאַרקע איבערוואָג פון דעם טרוקענעם זאַכלעכן אַנאַליז איבער דעם עסטעטיש־קינסטלערישן; 2) דער אויסגעשפּראָכן משכילישער כאַראַקטער פון דעם אידעיש־געזעלשאַפטלעכן אַנאַליז, וועלכער צעשטערט די אוממיטלבארע אידעישע עמאָציע און 3) דער צוגאַנג צום געלייענטן טעקסט, ווי צו א געלעגנהייט פאר ברייטע אַבסטראַקטע באַטראַכטונגען, ביי וועלכע דער טעקסט גופא בלייבט אין שאָטן, און דער ליטעראַטור־לימוד פאַרוואַנדלט זיך אין שמועסן אַרום ליטעראַטור. אַלס רעזולטאַט פון די דאָזיקע פעלערן ווערט ביי די קינדער אָפּגעטעמפּט דער עסטעטישער חוש און די עמאָציאָנעל־אידעישע רעאַקציע... אונדזער ליטעראַטור דאַרף זיך באַפרייען פון דער שעדלעכער משכילישער טראַדיציע צו לייגן דעם גאַנצן טראָפּ אויף דער פּראָבלעמאַטיק. דער ליטעראַטור־לימוד דאַרף געפירט ווערן אין אַ האַרמאָנישער גלייכגעוויכט פון אידעישע און עמאָציאָנעל־קינסטלערישע צילן (אַפילו אין דער סאָוויעטישער שול, ווו די פּראָבלעמאַטיק, דער אידעאָלאָגישער מאָמענט פאַרנעמט דעם אויבן־אָן, ווערט די לעצטע יאָרן געפירט אַן אמתער קריוג־צוג קעגן דעם באַנאַלן סאָציאָלאָגיזם אין דעם ליטעראַטור־לימוד און ס'ווערט געפאָדערט אַ קינסטלעריש־עמאָציאָנעלער צוגאַנג צום בוך.*)

דאָס זעלבע דאַרף געזאָגט ווערן אויך וועגן דעם געשיכטע־לימוד. אויב דער דאָזיקער לימוד האָט יאָ געהאַט אין דעם יידישן שול־וועזן אַן עמאָציאָנעלע באַאַרבונג, איז עס, צו באַדויערן, געווען גראָד אין יענע שולן, ווו דער לימוד איז געפירט געוואָרן אין בירגערלעך־נאַציאָנאַלן אָדער אין סאָנאַטאָרישן גייסט, דאַקעגן אין דער יידיש־וועלטלעכער שול, וועלכע האָט געשטרעבט צו פירן דעם געשיכטע־לימוד אין דיאַלעקטיש־מאַטעריאַליסטישן גייסט, איז דער דאָזיקער לימוד — אָן דער מינדסטער שולד פון מאַרקסן — געווען קאַלט, ווי אייז, און ניכטער, ווי די כפל־טאַבעלע. אויף די לעקציעס האָט געהערשט דער אָביעקטיוו־דערציילערישער „וויסנשאַפטלעכער" טאָן. די לעקציעס האָבן נישט פאַרמאָגט קיין טעמפּעראַטור, זיי האָבן נישט אָנגעצונדן די הערצער, נישט געוועקט קיין עמאָציעס, נישט גערופן צו קיין טאַטן, נישט געשפּייזט די פאַנטאַזיע. און די איידעלע אַמביציע צו מאַכן געשיכטע, צו גיין אין די וועגן

*) ל. לאַזאָווסקי — פּראָגראַם פון דעם יידיש־לימוד פאַרן 6טן קל. העקטאָגר. אויסגאַבע פון צ. ק.).,

פון גרויסע קעמפער פאר פרייהייט און קולטור. דער געשיכטע־לימוד דארף וועקן ליבשאפט און האס, באוואונדערונג און עקל — און די דאזיקע וויכטיקע פונקציע האט ער נישט דערפילט. אויף די געשיכטע־לעקציעס האבן היסטארישע פערזענלעכקייטן און געשעענישן פארלוירן זייער גאנצן גלאנץ און אלע פארבן. אויפן לערער־טישל איז געלעגן דער בר־מינן פון געשיכטע, איבער וועלכן דער לערער האט דורכגעפירט קוואזי־מאטעריאליסטישע וויוויסעקציעס. שולדיק אין דעם איז געווען פארשטייט זיך, נישט דער דיאלעקטיש־מאטעריאליסטישער גייסט. דער מארקסיסטישער מעטאד האט נישט קיין טבע צו „פארטריקענען" די געשיכטע, פארקערט, ער איז די conditio sine quo non צו אינדיווידואליזירן די היסטארישע עלעמענטן אין זייער גאנצער לעבעדיקייט, פארביקייט און אייגנארטיקייט. שולדיק איז געווען די משכילישע דעגענעראציע פון דעם מארקסיסטישן מעטאד, וועלכע האט אים פארוואנדלט אין אבסטראקטע מאטעריאליסטישע סכעמעס.

באזונדערס שווער האט געליטן פון דער דאזיקער דעגענעראציע דער לימוד פון יידישער געשיכטע. די מורא ארייננצופאלן, רחמנא לצלן, אין נאציאנאליזם האט געהאלטן אין צוים דעם געשיכטע־לערער, וועלכער איז געשטאנען, ווי א שומר, איבער זיך אליין און האט זיך געהיטן, אז קיין איין ווארעמער שטראל, קיין איין הארציקער סענטימענט זאל, חלילה, נישט פאלן אויף פערזענלעכקייטן און געשעענישן פון אונזער גרויסער פארגאנגענהייט.

אט די דאזיקע ראציאנאליסטישע אייגנזייטיקייט פון אונדזער פארמלחמהדיקן שול־וועזן מוז איצט קאריגירט ווערן אין הסכם מיט אונדזער נייערווירקלעכקייט און מיט די פעדאגאגישע טענדענצן פון אונדזער צייט. אין דעם פארווארט (זייט 16) האב איך שוין אנגעוויזן, אז היות אונדזער נייע שול שטיצט זיך אויף אן אייגנהייטלעכער נאציאנאלער, דעמאקראטישער און מלוכהשער באזע, מוז דער לערן־ און דערציונגס־פראצעס אין אונדזערע שולן באקומען א שטארקע עמאציאנעלע באפארבונג. דאס דארף דערגרייכט ווערן — און דאס קאן דערגרייכט ווערן — אין דעם מינדעסטן שאדן פאר שטרענגן וויסנשאפטלעכן גייסט פון אונדזערע פראגראמען. מיר דארפן קאנסעקווענט אנווענדן די מעטאדן פון אבסערוואציע, פון עקספערימענטן און פון אינדוקציע אין די פיזיקאליש־נאטורוויסנשאפטלעכע לימודים, דער לימוד פון ביאלאגיע דארף זיין דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון עוואלוציע; די שיינע ליטעראטור און איר אנטוויקלונג דארף באהאנדלט ווערן אויפן פאן פון דער סאציאלער סביבה און אין פארבינדונג מיט סאציאלע און גייסטיקע באוועגונגען; דער לימוד פון געשיכטע דארף זיין דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון דעם דיאלעקטישן און היסטארישן מאטעריאליזם, — און ביי די אלע באדינגונגען דארף די עמאציאנעלע ספערע פון דעם קינד גלייכבארעכטיקט ווערן און באקומען א בכבודיקן ארט אין אונדזער דערציונגס־פלאן. מיר מוזן האבן אין אונדזערע שולן ווייניקער פלפול און מער ווארעמקייט, ווייניקער חקירה און מער פאטאס. דאס „קלוגע יידישע קעפל" דארף באריכערט ווערן מיט אוממיטלבארקייט און געמיטלעכקייט. דאס

יידישע קינד דאַרף ווערן ווייניקער דערוואַקסן און קלוג און מער קינדיש און „נאַריש". מיט איין וואָרט, ס'האַנדלט זיך וועגן דעם, אַז מיר זאָלן דערציען נישט קיין וואונדערקינדער, נאָר פּשוטע נאָרמאַלע קינדער.

אויפן געביט פון עמאָציאָנעלער דערציונג שטייען פאַר אונדזערע שולן אויפן נאָענטסטן פּעריאָד צוויי ספּעציעלע אויפגאַבן פון א גרויסער באַדייטונג, דאָס זיינען: 1) באַפרייען די קינדער פון די פּאַטאַליסטישע שטימונגען אין דער באַציונג צום אַנטיסעמיטיזם און 2) באַזייטיקן די פּסיכישע ירושה פון דער מלחמה.

איך וועל איבערחזרן (מיט קליינע ענדערונגען) דאָס, וואָס איך האָב געשריבן וועגן די דאָזיקע פראַגן אין די מעטאָדישע אָנווייזונגען צום יידיש־פּראָגראַם:

„אונדזערע לערער דאַרפן זיך באַמיען צו ענדערן די איינשטעלונג פון די קינדער לגבי דער אַרומיקער פּוילישער סביבה. אונדזערע קינדער האָבן זיך איינגעלעבט מיטן פאַלשן און שעדלעכן געדאַנק, אַז דאָס גאַנצע פּוילישע פאָלק איז אַנטיסעמיטיש געשטימט. אָט די פּעסימיסטישע איינשטעלונג, וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט האָפענונגסלאָזער רעזיגנאַציע, — איז א טראַגישע דערשיינונג, מיט וועלכער אונדזער שול מוז אין די ראַמען פון אירע מעגלעכקייטן פירן א קאַמף... מיר מוזן באַפרייען די נשמה פון אונדזערע קינדער פון דעם דריקנדיקן קאָמפּלעקס פון שוואַכקייט און הילפלאָזיקייט. מיר מוזן שטאַרקן זייער אָפּגעשוואַכטן גלויבן אין מענטשלעכקייט און ברידערלעכקייט און אלס דעם שטאַרקסטן כלי־זין אין דער דאָזיקער אויפגאַבע דאַרפן מיר אויסנוצן די צאָלרייכע פאַלן פון מסירת־נפשדיקער הילף מצד יחידים — פּאָליאַקן און מצד אָרגאַניזירטע פּוילישע גרופּירונגען פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין די גרויזאַמע יאָרן פון דער אָקופּאַציע. אָבער די אויפקלערונג אליין וועט ווייניק וואָס העלפן, אויב זי וועט נישט ווערן אונטערשטיצט דורך פּראַקטישע מיטלען, נעמלעך: דורך אַ סטאַבילן אָרגאַניזירטן קאָנטאַקט צווישן אונדזערע קינדער און דער פּוילישער שול־יוגנט. געמיינזאַמע אויספלוגן און פייערלעכקייטן, קינדער־פאָרשטעלונגען און טעאַטער (קינאָ)־באַזוכן, סיומס און קינדער־זשורנאַלן וועלן זיין דאָסווירקזאַמע מיטל, וואָס וועט ליקווידירן ביי אונדזערע קינדער די געפילן פון אומגלויבן און אומצוטרוי, וועלכע — זייענדיק אַרויסגערופן דורך באַשטימטע פאַקטן — האָבן א טענדענץ צו סטאַביליזירן זיך צוליב דער מחיצה צווישן דער יידישער און פּוילישער יוגנט.

וואָס אַנבאַלאַנגט דער צווייטער פראַגע, איז זי נוגע די קינדער, וועלכע האָבן פאַרבראַכט די מלחמה־יאָרן אין אָקופּירטן פּוילן. ווי ס'איז שוין געזאָגט געוואָרן אין פאָרוואָרט (זייט 12) דאַרפן מיר זיך באַמיען, אַז דער קאָשמאַר פון די מלחמה־יאָרן זאָל וואָס גיכער אויסגעווישט ווערן פון זייער זכרון. דאָס קאָן דערגרייכט ווערן: 1) דורך שאַפן אין שול און אַרום דער שול (קלוב, אינטערנאַט) אַזאַ אַטמאָספער פון הארציקייט און ליבשאַפט צו די קינדער און אַזעלכע אויסערלעכע באַדינגונגען פון זייער לעבן און אַרבעט, אַז די ליכטיקייט פון

היינט זאָל פאַריאָגן די שאָטנס פון נעכטן, און די קינדער זאָלן צוריק באַקומען זייער קינדהייט; 2) דורך ווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די קינדער אויף די פאַקטן און ביישפּילן פון העלדנמוטיקער מענטשנליבע און פון העראָיִשן קאַמף און 3) דורך געבן די קינדער די מעגלעכקייט — אויף א טאַקטפולן און פסיכאָלאָגיש־ריכטיקן אופן — אויסצולאָדן זייערע מלחמה־קאָמפּלעקסן אין דער קלאַסן־אַרבעט (ביי מינדלעכע שמועסן, ביי שריפטלעכע קלאַסן־אַרבעטן און א. וו.) *)

## ג. כאַראַקטער־בילדונג

אין דער פראַגע פון כאַראַקטער־בילדונג וועלן מיר קודם־כל באַשטימען אונדזער שטעלונג אויף אַ נעגאַטיוון אופן, ד. ה. מיר וועלן זיך קודם־כל אָפּגרענעצן פון יענע שטאַנדפּונקטן און ריכטונגען, וועלכע שטימען נישט מיט אונדזער אַלגעמיינער דערציערישער ליניע. פון דער דאָזיקער נעגאַטיווער באַשטימונג וועט שוין במילא אין א גרויסער מאָס קלאָר ווערן, וועלכע פּאָזיציע מיר פאַרנעמען אין דער דאָזיקער פראַגע. מיר וואַרפן אָפּ דעם איינזייטיקן אינדיווידואַליזם אין ביידע זיינע שאַטירונגען: סיי דעם בירגערלעך־אַריסטאָקראַטישן דעראָבערישן אינדיווידואַליזם, וועלכער פאַרהערלעכט די „אויטאָנאָמע פּערזענלעכקייט", דעם „שטאַרקן מענטשן", וואָס שלאָגט זיך אַדורך זיין לעבנסוועג אין קאַמף מיטן כלל און איז אַליין „דער שמיד פון זיין גליק", סיי דעם אידעאַליסטישן אינדיווידואַליזם (רוסאָ, טאָלסטאָי, עללען קעי), וועלכער גלויבט אין דער איינגעבוירענער גוטסקייט פון דער מענטשלעכער נאַטור און איז אין זיין (גערעכטן) קאַמף מיטן קאָנפאָרמיזם און מיט דער סטאַנדאַריזאַציע פון דעם דערציונגס־פּראָצעס דערגאַנגען צו דער פאַרלייקענונג פון יעדער דערציונג בכלל („נעגאַטיווע דערציונג") צום פּידאָצענטריזם און האָט פאַרענדיקט מיטן עפּעקטפולן, אָבער דורכאויס פאַלשן פּאַראַדאָקס פון עללען קעי: „דער גרעסטער סוד פון דער דערציונג באַשטייט אין דעם, אַז מ'דאַרף בכלל נישט דערציען". מיר ווילן דערציען דעם מענטשן נישט צום קאַמף מיטן כלל, פאַר זיין פּערזענלעכן גליק, נאָר צום געמיינזאַמען קאָלעקטיוון קאַמף פאַרן מענטשלעכן גליק בכלל, און מיר שטייען אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז דערציונג איז אַ נאַטירלעכע און נויטווענדיקע פונקציע פון סאָציאַלן לעבן. פון דער אַנדערער זייט וואַרפן מיר אָפּ סיי דעם דעטערמיניזם, סיי די טעאָריע פון tabula rasa, פון חומר מיד היוצר, און מיר גלייבן אין די גרויסע מעגלעכקייטן פון דעם פּעדאַגאָגישן פּראָצעס.

פון דעם איז שוין במילא קלאָר, אַז מיר פּאַסן אויף דאָס פּראָבלעם פון כאַראַקטער־בילדונג דורכאויס אין סאָציאַלן גייסט. די דערציונג פון א סאָציאַל־אַקטיוון יחיד, ביי וועלכן די עלעמענטן פון געפיל און פאַרשטאַנד וועלן זיין האַרמאָניש פאַרייניקט, שאַפט שוין די נויטיקע ראַמען פון דער כאַראַקטער־בילדונג. דאָס איז די דאַנקבאַרסטע, אָבער גלייכצייטיק די שווערסטע אויפגאַבע

*) ל. לאַזאַווסקי — די צילן פון דעם יידיש־לימוד (העקטאָגר. אויסגאַבע פון צ. ק.)

פון דער שול, די שווערסטע דערפאר, וואס, ערשטנס, לאזט זי זיך נישט ראציאנעל צעגלידערן אויף באזונדערע צילן, און צווייטנס, איז פראקטיש אוממעגלעך אין די ראמען פון דער שול־ארבעט דורכצופירן א פולשטענדיקן און אלזייטיקן סיסטעם פון פעדאגאגישע מיטלען, וועלכע זאלן צוזאמען גענומען פארזיכערן א געהעריקע כאראקטער־בילדונג פון יעדן באזונדערן שילער. (דאס הייסט נישט, אז אויפן געביט פון כאראקטער־בילדונג איז בכלל נישט מעגלעך אנצווענדן עקספערימענטאל־פעדאגאגישע מעטאדן. אין זייער א סך פאלן קאן דער דערציער — בתנאי, אז ער איז ווירקלעך א דערציער און אז ער געפינט זיך אין א אינטימען גייסטיקן קאנטאקט מיט די קינדער — ארויסטרעטן אין דער ראל פון דעם גייסטיקן דאקטאר: ווען ער שטויסט זיך אן אויף א פאל, אז דער שילער איז געקומען אין א קאנפליקט מיט זיך אליין אדער מיטן קלאס, און ער שטעלט פעסט, אז דער מקור פון דעם קאנפליקט געפינט זיך אין דער אדער אין יענער כאראקטער־דיספאזיציע פון דעם באטרעפנדיקן שילער, קאן דער לערער אנווענדן אין יעדן קאנקרעטן פאל באזונדער א באשטימטן ראציאנעלן עקספערימענטאלן היילונגס־פלאן. דער דאזיקער פלאן, וועלכער באשטייט פון א ריי מאמענטן (שמועסן מיטן שילער און מיטן קלאס, האנדלונגען, פון דעם לערער, האנדלונגען פון דעם קלאסן־קאלעקטיוו, רעאקציעס פון דעם באטרעפנדיקן שילער) שטעלט דעם דאזיקן שילער אין פארוים אויסגערעכנטע באדינגונגען, וועלכע רופן ביי אים ארויס אן אינערלעכן קאמף און צווינגען אים צו חשבון הנפש. אין אויסערארדנטלעכע פאלן האט אזא עקספערימענט דעם ציל ארויסצורופן ביים שילער א פסיכישן שאק, א מעכטיקע אויפטרייסלונג, א מין גייסטיקן קורצשלוס, וועלכער ברענגט די רפואה און גלעט אוים די שטעכעדיקע כאראקטער־שפיצן, וועלכע האבן גורם געווען דעם קאנפליקט. די טעטיקייטן פון אזעלכע פעדאגאגן, ווי מאקארענקא און קארטשאק, גיט א סך באלערנדיקע ביישפילן פון אזעלכע עקספערימענטן.)

היות ווי די שול האט אין אלגעמיינעם באגרענעצטע מעגלעכקייטן צו באאיינפלוסן די כאראקטער־בילדונג, דארפן מיר טאקע דעריבער זיך אפגעבן א קלארן חשבון, אין וועלכער ריכטונג דארפן גיין אונדזערע אנשטרענגונגען, ווו איז אונדזער שוואכע און ווו איז אונדזער שטארקע פאזיציע, וועלכע גיט אונדז דעם מאקסימום שאנסן אויסצואיבן א ווירקונג אויפן כאראקטער פון אונדזערע קינדער. אן שום ספק זיינען מיר שוואך בנוגע די יעניקע נעגאטיווע כאראקטער־שטריכן, וועלכע שטעלן פאר מיט זיך טיף איינגעווארצלטע און אויסגעשפראכן אינדיווידועלע כאראקטער־דיספאזיציעס, דאקעגן האבן מיר א ברייטן פעלד פון ארבעט אין דער ריכטונג פון דער סאציאל־עטישער דערציונג. אונדז איז שווער צוצוקומען צו יענער זייט פון דעם קינדס נשמה, וועלכע איז געווענדעט צו זיך און אין זיך, אבער מיר האבן א צוטריט צו דער אנדערער זייט, וועלכע איז געווענדעט צום ארום, צו כלל — און דאס דארפן מיר אויסנוצן. ווי ס'ווייזט גאנץ ריכטיק אן פר. וו. פערסטער, דארף דער קאמף מיט שלעכטע כאראקטער־דיספאזיציעס געפירט ווערן אומדירעקט ד. ה. מיר דארפן אנטוויקלען און שטארקן די גוטע דיספאזיציעס אין אזא מאס, אז זיי זאלן צוערשט אויסגלייכן

און קאָמפּענסירן די שלעכטע און שפּעטער באַקומען איבער זיי אַן איבערוואָג. דאָס קאָן דערגרייכט ווערן דורך באַהעפטן דעם יחיד מיטן כלל אָדער — ווי ס'דריקט זיך אויס דער מאַראַליסט און רעליגיעזער אידעאַליסט פערסטער — דורך דער „גימנאַסטיק פון מיטגעפיל". דעם דאָזיקן ריכטיקן גרונט־געדאַנק דאַרף מען נאָר פאַרברייטערן און דייטלעך קאָנקרעטיזירן: נישט נאָר „גימנאַסטיק פון מיטגעפיל" נאָר אויך גימנאַסטיק פון צוזאַמענלעבן און צוזאַמענאַרבעט".

די וויכטיקסטע מיטלען, וועלכע מיר האָבן אין אונדזער רשות, זיינען: 1) דער שול־רעזשים; 2) די שול־אַרבעט און 3) דאָס קאָלעקטיווע לעבן פון דעם קלאַס און פון דער שול. דער ערשטער מיטל דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַן אומבאַדינגטער תנאי נישט בלויז פון כאַראַקטער־בילדונג, נאָר פון דער גאַנצער דערציערישער אַרבעט בכלל. אויב אַ שול פאַרמאָגט נישט קיין פעסטן און סטאַבילן רעזשים (פּינקטלעכער באַזוך פון לערער און שילער, סיסטעמאַטישע און פּינקטלעכע צוגרייטונג פון די לעקציעס און אַנדערע אַרבעטן, איינהייטלעכע דיסציפּלין, איינהייטלעכע פאָדערונגען און איינהייטלעכע דערציונגס־מיטלען, אויסערלעכע האַלטונג, מאַניערן און שטילקייט), דאַן קאָן בכלל קיין רייד נישט זיין וועגן דערציונג, ווייל ס'פעלן די ראַמען און די באַדינגונגען פאַר דער אויס־בילדונג פון קולטור־געוווינהייטן און קולטור־אויטאָמאַטיזמען. אויב אָבער דער פעסטער און סטאַבילער שול־רעזשים עקזיסטירט, קאָן די שול מיט דערפאָלג פירן די כאַראַקטער־בילדונג, און אַזוי ווי „דערציען דעם כאַראַקטער — דאָס הייסט אויסלייזן דעם מענטשן פון דעם צושטאַנד פון ציללאָזיקייט און ריכטונגס־לאָזיקייט" (פערסטער), דאַרף די שול אַריינציען אַלע קינדער אין דער אַרבעט און אין קאָלעקטיוון שול־לעבן. אין די ליידן און פריידן פון דער אַרבעט און פון קאָלעקטיוון לעבן, אין דעם קאַמף מיט שוועריקייטן און אין די נצחונות איבער פאַרשיידענע מניעות, אין דער אָנשטרענגונג פון איידעלע אַמביציעס און פאַרמעסטונגען, אין צוזאַמענשטויסן און קאָנפליקטן, ווי אויך אין אויסגלייכן און פאַרשטענדיקונגען וועלן זיך שטאַרקן און שלייפן און קריסטאַליזירן די כאַראַקטערן. דורך דער אַרבעט און דעם קאָלעקטיוון לעבן קאָנען מיר דערציען: פּינקטלעכקייט, סיסטעמאַטישקייט און עקשנות אין דער אַרבעט; ליבשאַפט צו יעדער אַרבעט — סיי גייסטיקער, סיי פיזישער; שעפערישע אַמביציעס; געזעל־שאַפטלעכע איניציאַטיוו; חברישקייט און ברידערלעכקייט; געפיל פון סאָלידאַ־רישקייט פאַרבונדן מיט אַ געהעריקן קריטיציזם; ערנסטע באַציונג צו אַ געגע־בענעם וואָרט; פליכטגעפיל און געוויסנהאַפטיקייט ביים אויספירן געזעלשאַפט־לעכע פונקציעס; פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן קאָלעקטיוו; אויפריכטיקייט און לאָיאַלקייט. און זאָל צולעצט דערמאָנט ווערן נאָך איין כאַראַקטער־שטריך וועלכן

מיר דאַרפֿן מיט אַ באַזונדערער אויפֿמערקזאַמקייט קולטיווירן ביי אונדזערע קינדער, — דאָס איז די אינטעלעקטועלע ערנסטהאַפֿטיקייט. מיר, ייִדן, זינדיקן זייער שטאַרק מיט אינטעלעקטועלער אומפֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, מיר פֿאַרטראַכטן זיך זייער ווייניק וועגן דעם, צי אַ געדאַנק, וועלכן מיר זאָגן אַרויס, אָדער אַ פֿעסטשטעלונג, וועלכע מיר מאַכן, האָט אַ גענוגנדיקן זאַכלעכן און לאָגישן גרונט — לכל־הפּחות אין אונדזער סוביעקטיווער איבערצייגונג, און אַפֿילו נישט שטענדיק האָבן מיר אין דער הינזיכט אַ סוביעקטיוו ריינעם געוויסן. לאָמיר דעריבער צוגעוויינען אונדזערע קינדער צו שטיין אויף דער וואַך פֿון דעם אַרויסגעזאָגטן וואָרט און צו קאָנטראָלירן, צי דאָס דאָזיקע וואָרט האָט אַ דעקונג.

דריטער קאַפּיטל

# די דערציונגס־פאַקטאָרן

מיר אונטערשיידן אין אַלגעמיינעם די פאָלגנדיקע דריי דערציונגס־פאַקטאָרן:

א) די סביבה

ב) דאָס שול־לעבן

ג) דעם לערן־פּראָגראַם.

## א. די סביבה

צו דער סביבה געהערן די אַלע אויסערלעכע פאַקטאָרן —מחוץ די ווענט פון דער שול — וועלכע איבן אוים אַ דערציערישע ווירקונג אויפן קינד און אויפן יוגנטלעכן. סביבה — דאָס איז פּשוט דאָס לעבן, קודם־כּל — דאָס געזעל־שאַפטלעכע געוועב, אין וועלכן דאָס קינד איז איינגעפלאָכטן. דאָס זיינען די „אוניווערסיטעטן”, וועגן וועלכע ס'האָט אַזוי הערלעך געשריבן מ. גאָרקי. אין דער ערשטער ריי איז עס די היימישע סביבה, די פאַמיליע: טאַטע־מאַמע, ברידער, שוועסטער, קרובים; דאַן — חברים און פריינט, און ווייטער — די גאַס, די ביבליאָטעק, דער ליינזאַל, טעאַטער, קינאָ, קאָנצערטן, פּרעסע, פּאַרוויילונגען, געזעלשאַפטלעכע פייערלעכקייטן, אויספלוגן, שפּאַצירן און א. וו. צום באַגריף „סביבה” געהערט אויך די אַלגעמיינע גייסטיקע און אידעישע אַטמאָספער, וועלכע ריגנלט אַרום דאָס קינד און דעם יוגנטלעכן.

על פּי טבע איז די ווירקונג פון דער סביבה כאַאָטיש, ספּאָנטאַניש. זי לאָזט זיך נישט פּעדאַגאָגיש פּלאַנירן און אָרגאַניזירן. פון דעם איז אָבער נישט געדרונגען, אַז די שול דאַרף זיך צוקוקן מאַכטלאָז און פּאַסיוו צו דער דאָזיקער ווירקונג. פאַרקערט, די שול מוז זיך באַמיען אין די ראַמען פון אירע מעגלעכקייטן צו פאַרהיטן דאָס קינד פון שעדלעכע השפּעות און צו פאַרשטאַרקן די גינסטיקע ווירקונגען. די דאָזיקע באַמיונגען דאַרפן קודם־כּל גיין אין דער ריכטונג פון איינשטעלן אַ האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבעט פון דער שול מיט דער היים.

הגם דער לאָזונג „שול און היים אַרבעטן צוזאַמען לטובת דעם קינד” איז זייער פּאָפּולער ביי אונדזער לערערשאַפט, הגם יעדער באַוווסטזיניקער פּעדאַגאָג אָנערקענט אַז שום באַוואָרענישן די וויכטיקייט פון דער דאָזיקער

צוזאַמענאַרבעט, פונדעסטוועגן מוז מען זאָגן, אַז אונדזער שול־פּראַקטיק איז נאָך זייער ווייט פון דעם דערמאָנטן לאָזונג, און קודם־כל דערפאַר, וואָס ס׳וועט וויניק געזאָרגט וועגן די געהעריקע און צוועקמעסיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע מעטאָדן און פאָרמען פון דער דאָזיקער צוזאַמענאַרבעט. ס׳איז א פאַרשטענדלעכע זאַך, אַז אויב דער לאָזונג „קאָנטאַקט צווישן שול און היים" ווערט נישט קאָנקרעטיזירט אין באַשטימטע פאָרמען פון צוזאַמענאַרבעט און אויב די דאָזיקע צוזאַמענאַרבעט ווערט נישט איינגעפאַסט אין באַשטימטע סטאַבילע אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען, דאַן מוז דער דאָזיקער לאָזונג פאַרבלייבן אַ פרומער ווונטש. און די צוזאַמענאַרבעט קאָן נישט האָבן קיין סיסטעמאַטישן כאַראַקטער.

### ווי אַזוי־זשע דאַרף מען אָרגאַניזירן דעם דאָזיקן קאָנטאַקט?

נישט אָנוואַרפנדיק אונדזערע שולן קיין אָבליגאַטאָרישע גענויע סכעמע, האַלטן מיר דאָך פאַר נויטיק אָנצווייזן אויף די וויכטיקסטע ריכטלעך, וועלכע דאַרפן שאַפן די אָרגאַניזאַציאָנעלע קייט פון דעם קאָנטאַקט צווישן שול און היים. דאָס זיינען: 1) אַ גוט אָרגאַניזירטער עלטערן־קאָמיטעט, וועלכער אַרבעט אין ענגסטן קאָנטאַקט מיט דער לייטונג און מיטן פּעדאַגאָגישן ראַט; 2) סיסטעמאַטישע באַזוכן פון די קינדער אין דער היים; 3) סטאַבילע וועכנטלעכע אויפנאַם־שעהן פון די קלאַסן־דערציער פאַר די עלטערן (מיטן באַדינג, אַז די קלאַסנדערציער וועלן נישט וואַרטן אויף די „אינטערעסאַנטן", נאָר וועלן סיסטעמאַטיש אַרויסרופן צו זיך די עלטערן); 4) אָנטייל פון אַלע עלטערן אין די שול־אונטערנעמונגען, פייערלעכקייטן, אַקאַדעמיעס, סיומס א. א. און 5) אין געוויסע אָפּשניטן פון שול־יאָר, אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן, האַספּיטאַציע פון לעקציעס דורכן עלטערן־קאָמיטעט אָדער דורך ספּעציעל געווײלטע עלטערן.

## ב. דאָס שול־לעבן

„דאָס שול־לעבן — איז אַ שול פון לעבן". די דאָזיקע טעזע פון דיועי לויטעט, ווי אַ פאַקטישע פעסטשטעלונג, אין דער אמתן איז עס אָבער אַ פּאָסטולאַט. דאָס שול־לעבן קאָן יאָ זיין און קאָן נישט זיין אַ שול פון לעבן — אַלץ הענגט אָפּ פון דעם, צי דאָס דאָזיקע שול־לעבן איז אָרגאַניזירט דערציעריש און צי די לערערשאַפט פאַרמאָגט די פעיקייט אויסצונוצן דאָס פילפאַרביקע און ברויזנדיקע שול־לעבן אויף אַ דערציערישן אופן. די ערשטע בעסטע געלטזאַמלונג צווישן די קינדער אויף דעם אָדער יענעם געזעלשאַפטלעכן צוועק קאָן זיין אַ פּשוטע געלט־אַקציע און קאָן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ וויכטיקן פאַקטאָר פון אידעאָלאָגישער דערציונג. אין אַלגעמיינע שטריכן איז שוין די ראָל פון דעם שול־לעבן, אַלס דערציערישן פאַקטאָר, באַלויכטן געוואָרן אין די קאַפּיטלען „יחיד און כלל" און „כאַראַקטער־בילדונג" (זע זייטן 29 און 41). דאָרטן איז אויך אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די מעטאָדן פון אויסנוצן דאָס שול־לעבן פאַר דערציערישע צוועקן דאַרפן מאָדיפיצירט ווערן צוגעפּאַסט צום עלטער, צו די אינטערעסן און

צו דער גייסטיקער רייפקייט פון די קינדער. ס'איז אונדז געבליבן אין דעם צוזאַמענהאַנג גענויער צו באַהאַנדלען נאָך איין פראַגע, וועלכע איז פריער נישט באַרירט געוואָרן: דאָס איז די פראַגע וועגן דער זעלבסטפאַרוואַלטונג אין דער שול.

ס'איז געווען א צייט — אין די 20־טע יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט — ווען דער ענין זעלבסטפאַרוואַלטונג האָט פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין דער פּעדאַגאָגישער פּראָבלעמאַטיק, ווען די זעלבסטפאַרוואַלטונג איז באַטראַכט געוואָרן ווי א סימן־מובהק פון פּעדאַגאָגישן פּראָגרעס, ווי אן אוניווערסאַל הייל־מיטל קעגן אַלע חולאתן סיי פון קינדערישן קאָלעקטיוו, סיי פון איינציקנע קינדער. די דאָזיקע צייטן זיינען אַוועק, און איצט באַמערקט זיך אין דער שול־פּראַקטיק א פאַרקערטע דערשיינונג, נעמלעך: א פולשטענדיקע גרינגשעצונג פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג. ס'איז קיין ספק נישט, אַז דער אמת ליגט ערגעץ אויפן מיטל־וועג. *) זעלבסטפאַרוואַלטונג איז אן אומבאַדינגט נוצלעכע זאַך, אָבער נאָר דאַן, ווען איר פאַרנעם, אירע ראַמען און אירע פאָרמען דרינגען ארויס פון ווירקלעכע באַדערפעניש און זיינען צוגעפּאַסט צום אַלגעמיינעם ניווא פון דער שול. אמת איז, אַז געוויסע באַדערפענישן דאַרף מען ביי די קינדער ארויסרופן און קולטיווירן, ס'איז אויך ריכטיק, אַז די זעלבסטפאַרוואַלטונג דאַרף נישט נאָר באַדינען די קינדער, נאָר זי דאַרף אויך זיין א שול פון געזעלשאַפטלעכער ארבעט, אָבער דערפון איז לחלוטין נישט געדרונגען, אַז אירע ראַמען און אירע פונקציעס דאַרפן קינסטלעך פאַרברייטערט ווערן. אַזאַ קינסטלעכע פאַרברייטערונג (מיט פאַרשידענע קאָמיסיעס, זיצונגען, געריכטן, פּראָטאָקאָלן און אַמטן) איבער דער געהעריקער אָרנטלעכער מאָס, פאַרוואַנדלט נאָר די זעלבסטפאַרוואַלטונג אין א ברייטן דעקאָראַטיוון בגד אויף א מאָגערן לייב, לערנט די קינדער צו זיין נישט זאַכלעך, צו שפּילן די ראָל פון דערוואַקסענע און צו באַנוצן זיך מיט אן אויסגעהוילטער פּאַפּירענער שפּראַך.

## ג. דער לערן-פּראָגראַם

די וועלטאַנשוילעכע דיספּאָזיציעס און די אַלגעמיינע גייסטיקע רייפקייט פון דער שול־יוגנט זיינען אויפן ענגסטן אופן פאַרבונדן מיטן לערנפּראָגראַם און מיט די לערן־מעטאָדן. היות ווי די דערציערישע אויפגאַבן פון דעם לערן־פּראָגראַם פאַלן זיך אין אַלגעמיינעם צענויף מיט די געזעלשאַפטלעכע און פאָרמעלע צילן פון די באַזונדערע לימודים, וועלן מיר איצט צוטרעטן צו פאָרמולירן די דאָ־זיקע צילן. דערביי וועלן מיר געבן די דאָזיקע פאָרמולירונגען אין דער אַקטועלער

---

*) אַגב וואָלט זייער נוצלעך געווען צו ענדערן דעם נאָמען: „זעלבסטפאַרוואַלטונג" — דאָס קלינגט זייער ערנסט און דאָס פאַרפליכטעט צו שאַפן אין דער שול אַזאַ ברייטע און פאַרצווייגטע ארגאַניזאַציע, וועלכע וואַקסט ווייט אַריבער די ווירקלעכע באַדערפענישן פון דער שול און די ווירקלעכע אינטערעסן פון די קינדער.

רעדאַקציע, אין וועלכער זיי זיינען אָנגענומען געוואָרן אויפן אלפּוילישן ביל־דונגס־צוזאַמענפאָר אין לאָדזש. (אין אויסנאַם זיינען, נאַטירלעך, די לימודים פון יידיש, העברעיש און פון יידישער געשיכטע). די צילן פון דעם מאַטעמאַטיק־לימוד זיינען פאָרמולירט דורכן מחבר, ווייל אין די באַשלוסן פון דעם לאָדזשער צוזאַמענפאָר האָבן זיי נישט געפונען קיין געהעריקן און אויסשעפנדיקן אויס־דרוק).

## א. יידישע שפּראַך און ליטעראַטור

„דער יידיש־לימוד דאַרף פאַרנעמען דעם וויכטיקסטן אָרט צווישן די אַלע לימודים, וועלכע געשטאַלטן די גייסטיקע פיזיאָנאָמיע פון אונדזער יונגן דור. ער דאַרף איינפלאַנצן אין אונדזערע קינדער:

1) ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט צום אייגענעם פאָלק;

2) אַ באַוווסטזיניק־פּאָזיטיווע באַציונג און אַ טיפן סענטימענט פאַר דער ייד. שפּראַך. אונדזער אַביטוריענט דאַרף זיין דורכגעדרונגען מיטן באַוווסטזיין, אַז די ייד. שפּראַך — דאָס איז אַן איינציקאַרטיקע פילפאַרביקע ירושה פון דורות און אַז טאַקע דערפאַר איז יידיש — די לעבעדיקע אָפּשפּיגלונג פון דער יידישער פאָלקס־נשמה. דער אַביטוריענט דאַרף זיך אָפּגעבן אַ קלאָרן חשבון וועגן דער אָרגאַנישער פאַרבינדונג צווישן דער יידישער שפּראַך און דער מאָדערנער יידישער סאָציאַלער און גייסטיקער קולטור; ער דאַרף אָפּשאַצן די ראָל פון יידיש אַלס דעם וויכטיקסטן פאַדים, וועלכער בינדט צונויף די יידישע קבוצים פון גאָר דער וועלט אין איין נאַציאָנאַלער גאַנצקייט.

3) אַ באַוווסטזיניקן אינטערעס און אַ ליבשאַפט צו אַלע פאָרמען פון יידישן קולטור־לעבן, אין דער ערשטער ריי צו דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע. דאָס שליסט שוין איין די צוגרייטונג און די שטרעבונג צו שטודירן זעלבשטענדיק די יידישע ליטעראַטור און די גרייטקייט מיטצוהעלפן צו דער אַנטוויקלונג פון מאָדערנעם יידישן קולטור־לעבן.

4) טיפן גלויבן אין די אידעען פון דעמאָקראַטיע, סאָציאַלער גלייכקייט און פעלקער־פריינטשאַפט. חוץ דעם דאַרף דער יידיש־לימוד געבן זיין צושטייער צו דער גרויסער אויפגאַבע, וועלכע שטייט פאַר אונדזערע שולן — דערציען דעם יונגן דור פאַר טרייע בירגער פון דעמאָקראַטישן פוילן. אונדזער אַביטוריענט דאַרף באַגרייפן דעם זאַכלעכן, סאָציאַלן און אידעישן אינהאַלט פון ליטעראַרישע ווערק, וועלכע זיינען צוגעפּאַסט צו זיין רייפקייט; ער דאַרף פאַרמאָגן אַ גענוג אַנטוויקלטן קינסטלערישן קריטישן געשמאַק, וועלכער זאָל אים באַוואָפענען קעגן די ווירקונגען פון שונד; ער דאַרף זיך אָריענטירן אין דער אַלגעמיינער קאָמפּאָזיציע פון אַ געלייענטן אָדער אויסגעהערטן ווערק, פון אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, קינאָ־בילד, ווי אויך אין פאַרשידענע מינים און פאָרמען פון ליטעראַרישע ווערק, אין דער קאָנסטרוקציע פון לידער און אין די בילדער־רישע מיטלען פון דער שפּראַך" *)

---

*) ל. לאַזאָווסקי — די צילן פון דעם יידיש־לימוד (העקטאָגר. אויסגאַבע פון צ. ק.)

## ב העברעישע שפּראַך און ליטעראַטור

דער העברעיש־לימוד פאַרטיפט און פאַרשטאַרקט די נאַציאָנאַלע דערציונג פון אונדזער יונגן דור. צוזאַמען מיטן לימוד פון יידישער געשיכטע פאַרברייטערט ער די ראַמען פון אונדזער נאַציאָנאַלער דערציונג ביז דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט. ער עפנט פאַר די קינדער די אוצרות סיי פון אונדזער אַלטער קלאַסישער ליטעראַטור (תנ"ך), סיי פון דער נייער און גיט זיי אַ גייסטיקן צוטריט צו דער נייסטער העברעיִשער קולטור אין ארץ־ישראל. אַ דאַנק דעם שאַפט ער אַ קאָנקרעטן פּעדאַגאָגיש־דידאַקטישן שטיצפּונקט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם נאַציאָנאַל־היסטאָרישן זכרון און פון דעם געפיל פון קולטור־היסטאָרישער המשכות; ער טראָגט אַריין באַוווסטזיניקייט און קלאָרקייט אין אייניקע פון די וויכטיקסטע עלעמענטן פון דער יידישער שפּראַך (העברעיִזמען). חוץ דעם באַרייכערט ער — אין פאַרבינדונג מיט אַנדערע שפּראַכן, וועלכע ווערן געלערנט אין שול — דאָס שפּראַכלעכע פאַרמעגן און דאָס לינגוויסטישע געפיל פון אונדזערע קינדער.

## ג. דער לימוד פון געשיכטע צוזאַמען מיטן לימוד וועגן פוילן אין דער הייַנטיקער וועלט

1) „דער געשיכטע־לימוד דאַרף אַנטוויקלען ביי די קינדער די פעיקייט צונויפצובינדן אין דער צייט און אין רוים (סינכראָניסטיש און סינאָפּטיש) די געשיכטע פון אייגענעם פאָלק מיט דער אַלגעמיינער געשיכטע. דער שילער דאַרף פאַרשטיין, אַז אַנאַלאָגישע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע אָרדענונגען און אַנאַלאָגישע היסטאָרישע באַוועגונגען באַצייכענען די ראַמען און די גרענעצן פון היסטאָרישע תקופות אין דער געשיכטע פון אַלע פעלקער, אַז די צונויפפלעכטונג פון באַזונדערע נאַציאָנאַלע געשיכטעס (דורך צוזאַמענאַרבעט, אָפּהענגיקייט און השפעה) איז אַ סטאַבילער היסטאָרישער פאַקטאָר".

2) „דורכן געשיכטע־לימוד דאַרף דער שילער באַגרייפן די רייכקייט און פאַרשיידנאַרטיקייט פון דעם היסטאָרישן פּראָצעס און פאַרשטיין די קוזאַלע פאַרבינדונג פון די היסטאָרישע געשעענישן און זייערע אַנטוויקלונגס־פאָלגן. דער געשיכטע־לימוד דאַרף דערפירן די שילער צו דער פאַרשטענדעניש, אַז די היסטאָרישעווירקלעכקייט איז פאַרענדערלעך, אַז די באַזונדערע רינגען אין דער כראָנאָלאָגישער קייט פון היסטאָרישע פאַקטן געפינען זיך אין אַ פאַרבינדונג און אַ קעגנזייטיקער אָפּהענגיקייט פון די פּראָדוקציע־מיטלען און פון דער כאַראַקטעריסטישער פאַר יעדער תקופה סאָציאַלער סטרוקטור, פון מנהגים, טראַדיציעס, רעכטלעכע נאָרמען, לעבנס־געוווינהייטן און קולטור־פאָרמען".

3) „דער געשיכטע־לימוד דאַרף געשטאַלטן ביי די קינדער סטאַבילע דיספּאָזיציעס צום היסטאָרישן דענקען און פאַרשטענדעניש פון דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו", און

4) „אין רעזולטאַט דארף דער געשיכטע־לימוד געבן די קינדער די גרונטלאגע צו אָריענטירן זיך אין דער קאָמפּליצירטער היינטוועלטיקייט און אין אירע אנטוויקלונגס־טענדענצן"*)

באַמערקונגען פון מחבר:

1. דער צווייטער פּונקט פון די אויבן ציטירטע טעזן גיט א קאָנקרעטע מעטאָדישע פאָרמולירונג פון דעם דיאַלעקטיש־מאַטעריאַליסטישן געשיכטע־מעטאָד (הגם דער דאָזיקער מעטאָד ווערט נישט אָנגערופן ביים נאָמען). דער געשיכטע־לערער דאַרף זיך אָפּגעבן א חשבון, אַז די באַהאַנדלונג פון געשיכטע פון דיאַלעקטיש־מאַטעריאַליסטישן שטאַנדפּונקט דאַרף אין שול דורכגעפירט ווערן אויף אַ געהעריקן מעטאָדישן אופן. ס'איז ווייניק און ס'איז צוועקלאָז צו זאָגן די קינדער, אַז, למשל, די אָדער יענע קולטור־באַוועגונג איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך א באַשטימטן סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכן פּראָצעס. אַזעלכע „זאָגענישן" טראָגן נאָר אריין אין דעם געשיכטע־לימוד דעם גייסט פון ווערבאַליזם און לערנען די קינדער צו באַנוצן זיך אומפאַראַנטוואָרטלעך מיט א באַנאַלער טערמינאָלאָגיע. נישט דעקלאַרירן דאַרף מען די דיאַלעקטיש־מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונג, נאָר מ'דאַרף זי מעטאָדיש אָנווענדן, ווייזנדיק איבערציינגנדיק, קאָנקרעט און בולט אויף לעבעדיקע קאָנקרעטע היסטאָרישע טעמעס, ווי אַזוי ווירטשאַפטלעך־סאָציאַלע פּראָצעסן באַווירקן „די רינגען אין דער כראָנאָלאָגישער קייט פון היסטאָרישע פאַקטן", ווי אַזוי אויף די דאָזיקע פּראָצעסן וואַקסט אויס „דער אויבערשטער שטאָק" פון דער פּאָליטישער געשיכטע און פון קולטור־באַוועגונגען, ווי אַזוי דער היסטאָרישער כמות פאַרוואַנדלט זיך אין א היסטאָרישן איכות און ווי אַזוי די אַלע געשיכטלעכע פאַקטאָרן — מאַטעריעלע, סאָציאַלע, פּאָליטישע און קולטורעלע — ווירקן אויף זיך קעגנזייטיק. נאָר אַזאַ קאָנקרעטער מעטאָד וועט ווירקלעך אַריינטראָגן אין דעם געשיכטע־לימוד דעם דיאַלעקטיש־מאַטעריאַליסטישן גייסט.

ס'איז אינטערעסאַנט צו ציטירן אין דעם צוזאַמענהאַנג די פאָלגנדיקע אָנווייזונג פון באַקאַנטן סאָוויעטישן פּעדאַגאָג פּראָפ. קאַיראָוו צו דער אידעיש־פּאָליטישער דערציונג אין דער סאָוויעטישער שול: „די אידעיש־פּאָליטישע דערציונג ווערט פאַרווירקלעכט אויף די לעקציעס, אין פּראָצעס פון לערנען, און דעריבער איז וויכטיק, אַז יעדער לימוד זאָל מיט זיין גאַנצן אינהאַלט, סטיל, כאַראַקטער און מעטאָדן אַנטשפּרעכן דעם דאָזיקן ציל... אַז דער פּראָגראַם פון יעדן לימוד זאָל זיין געבויט באמת וויסנשאַפטלעך, און וועלכע נישט איז צופעליקע און נישט־קאָנטראָלירטע מאָמענטן. ס'איז וויכטיק, אַז דער גאַנצער

---

1) Dr. Żanna Kormanowa — Cele nauczania historji w szkole ogólnokształcącej Ogólnopolski Zjazd oświatowy, str. 154.

מאַטעריאַל זאָל זיין מאַטעריאַליסטיש, אז ער זאָל זיך שטיצן אויף א דיאלעקטישער באַזע און זאָל ווייזן די באַוועגונג, די אנטוויקלונג פון יעדער דערשיינונג, ער זאָל זיין געבונדן מיט דער ווירקלעכקייט, מיט דער סאָציאַליסטישער בויונג און מיט די פּאָליטישע געשעענישן. *)

2. די אויסגעצייכנטע טעזן פון ד"ר זשאננא קאַרמאַנאָווא האָבן איין וויכטיקן פּרינציפּיעלן פעלער: זיי פאָדערן כסדר, אז דער שילער „זאָל פאַרשטיין", זאָל זיך אָפּגעבן א חשבון, אָבער זיי זאָגן גאָרנישט וועגן דעם, אז דער געשיכטע־לימוד דאַרף וועקן די געזעלשאַפטלעכע אַקטיווקייט, דעם דראַנג צו האַנדלען — און דאָס איז דאָך גראָד דאָס וויכטיקסטע! Historia magistra vitac — אַט דער לאָזונג דאַרף ווערן דער וויכטיקסטער דערציִערישער וועגווייזער פאַרן געשיכטע לערער (די זעלבע באַמערקונג איז חל אויף אַלע אָן אויסנאַם לימודים, ווי שפּראַך, ליטעראַטור, געאָגראַפיע, נאַטורוויסנשאַפט און אַנד. יעדער לימוד דאַרף נישט נאָר געבן וויסן, נישט נאָר אַנטוויקלען גייסטיק, נאָר אויך וועקן די אַקטיווקייט פון די קינדער אויפן אַנטשפּרעכנדיקן לעבנסגעביט: דער ליטעראַטור־לימוד דאַרף אַרויסרופן אַקטיווקייט אויפן געביט פון דער גייסטיקער קולטור, דער לימוד פון געאָגראַפיע דאַרף וועקן דעם חשק צו באַקענען זיך מיטן לאַנד און מיט די מענטשן, דער נאַטור־לימוד דאַרף מאַכן אונדזערע שילער פאַר אַן אַקטיוון פריינט און פאַרזאָרגער פון דער נאַטור און א.וו. „פון דער פּערצעפּציע צו לאָגישע אויספירן און פון דעם געדאַנק צוריק צו דער האַנדלונג" **) אַט דאָס איז דער דיאַלעקטישער וועג פון דעם בילדונג־פּראָצעס. חוץ דעם דאַרף דער געשיכטע לימוד ווירקן עמאָציאָנעל: ער דאַרף וועקן סימפּאַטיע צו יענע פאַקטאָרן, וועלכע שטויסן די געשיכטע פאָרויס, און האַס צו די כוחות, וואָס האַמעווען דעם היסטאָרישן פּראָצעס, בפרט צום קאַפּיטאַליזם און אימפּעריאַליזם.

3. וואָס אַנבאַלאַנגט דעם 4־טן פּונקט פון די אויבן ציטירטע טעזן, וואָלט מען אים געקענט פאָרמולירן אין אַזא מין אַפאָריזם: „אונדזער אביטוריענט דאַרף לייענען אַ צייטונג, ווי דאָס געשיכטע־בוך פון היינט (און דאָס געשיכטע־בוך ווי די צייטונג פון אַמאָל)".

## ד) געשיכטע פון יידישן פאָלק

די אַלגעמיינע צילן — זע דעם קאַפּיטל ג).

ספּעציעלע צילן: 1. דער לימוד פון יידישער געשיכטע דאַרף אַנטוויקלען ביי די קינדער דעם נאַציאָנאַל־יידישן שטאָלץ, דעם היסטאָרישן זכרון און נאַציאָנאַלן וואָלונטאַריזם. אונדזער יונגער דור דאַרף זיין דורכגעדרונגען מיטן געפיל און מיטן באַוווסטזיין פון א יורש פון אונדזער גרויסן נאַציאָנאַלן

*) „סאָוויעטישע פּעדאַגאָגיק", חודש־זשורנאַל, נומער 12, 1946.

**) פּראָפ. פּ. לאַנזשעווען, ציטירט לויט זש. קאַרמאַנאָווא.

עבר און מיטן אקטיוון ווילן צו קאָנטינואירן אונדזער געשיכטע, אַלס אַ געשיכטע פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן קיבוץ.

2) אונדזער געשיכטע־לימוד דאַרף קלאָר מאַכן די קינדער די אייגנאַרטיקייט פון אונדזער נאַציאָנאַלן גורל אויפן גרונט פון קאָנקרעטע היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישע באַטראַכטונגען און אויפן פאָן פון דער אַלגעמיינער געשיכטע.

3) אונדזער געשיכטע־לימוד דאַרף בולט ווייזן די פאַרבינדונג פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום מיט די גרויסע פרייהייטס־אידעען און פרייהייטס־באַוועגונגען פון דער וועלט. אין פאַרבינדונג דערמיט דאַרף אונדזער געשיכטע־לימוד שאַפן ביי דער יוגנט אַ קולט פאַר די פּראָגרעסיווע טענדענצן אין יידישן לעבן און אַ קעמפערישע באַציונג צו דער יידישער רעאַקציע.

4) דער לימוד פון דער יידישער געשיכטע דאַרף באַלויכטן און אונטערשטרייכן דעם שטענדיקן אויסטויש פון מאַטעריעלע און גייסטיקע ווערטן צווישן דעם יידישן פאָלק און די אַנדערע אומות העולם. ער דאַרף קלאָר מאַכן אונדזער יוגנט, וואָס מיר האָבן דער וועלט געגעבן און וואָס מיר האָבן פון דער וועלט גענומען.

## ה) געשיכטע פון פּוילן (ספּעציעלע צילן)

„דער לימוד דאַרף ווייזן אין אַן אָביעקטיווער באַלויכטונג די געשיכטע פון די געזעלשאַפטלעכע קאַמפן אין פּוילן, באַזונדערס: דעם שווערן מצב פון די פּויערים, די סיבות פון דער אָפּגעשטאַנענקייט, די פעלערן פון דער אויסלענדישער פּאָליטיק („מעתבר־אָריענטאַציע"). דער שילער דאַרף באַקומען די איבערצייגונג, אַז דאָס פּוילישע לעבן דאַרף געבויט ווערן אויף די יסודות פון סאָציאַלן יושר און קולטורעלן פּראָגרעס... דער געשיכטע לימוד דאַרף ווערן אַ קוואַל פון געזונטן און געזונטן נאַציאָנאַלן שטאָלץ... *)

## ו) פּוילישע שפּראַך און ליטעראַטור

די פּראָגראַמעלע צילן פאַלן אין אַלגעמיינעם צונויף מיט די צילן פון דעם יידיש־לימוד. וואָס אַנבאַלאַנגט די אידעיש־דערציערישע צילן, ווערן זיי פאָרמולירט אויפן פאָלגנדיקן אופן: „דאָס צענטראַלע פּראָבלעם פון דעם פּויליש־לימוד — דאָס איז דאָס היינטיקע דעמאָקראַטישע פּוילן, איר היסטאָרישע געשטאַלטונג דורך קאַמף און דורך אַרבעט אויפן פאָן פון אייראָפּע און פון דער וועלט... דער סוף פון 18־טן און דער 19 — 20 י"ה — דאָס זיינען די היסטאָרישע תקופות, וועלכע דער פּראָגראַם באַריקזיכטיקט אין דער ברייטסטער מאָס, אַלס דעם פּעריאָד פון דער געזעלשאַפטלעכער עמאַנציפּאַציע פון די פּוילישע

---

*) Dr. Żanna Kormanowa — Cele nauczania historji w szkole ogólnokształcącej, Ogólnopolski Zjazd Oświatowy, str. 154.

פֿאָלקס־מאַסן... דער פּאַטריאָטישער אידעאַל דאַרף זײַן פֿרײַ פֿון ענגער נאַציאָ־נאַלער עקסקלוזיװקייט און דאַרף זיך האַרמאָניש פֿאַראייניקן מיטן קולט פֿאַר די גרויסע גײַסטיקע דערגרייכונגען פֿון דער מענטשהייט און פֿאַר די אידעאַלן פֿון אַלמענטשלעכער ברידערלעכקייט... דער פּויליש־לימוד צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע לימודים — דאַרף דערציִען אַ דור פֿון קעמפֿער פֿאַר פֿרײַהייט, דעמאָקראַטיע, פּראָגרעס און הומאַניזם... ער דאַרף אײַנפֿלאַנצן דעם קולט פֿאַר סאָציאַל־נוצלעכער אַרבעט אין אַלע אירע פֿאָרמען און דעם דראַנג צו באַטייליקן זיך אַקטיװ אין דעם קאָלעקטיװן פֿאָלקס־לעבן". *)

## ז) נאַטור־לימוד, פֿיזיק, כעמיע, ביאָלאָגיע (צוזאַמען מיט געאָגראַפֿיע)

„דער נאַטור־לימוד דאַרף אַנטװיקלען ליבשאַפֿט צו דער נאַטור און דעם עסטעטישן גענוס פֿון איר שיינקייט... ער דאַרף װעקן בײַ די קינדער דאָס געפֿיל פֿון יראת־הכּבֿוד פֿאַר דער גענויער װיסנשאַפֿט און אירע פֿאָרשטייער און אויס־אַרבעטן בײַם יונגן דור אַן אַקטיװע און שעפֿערישע שטעלונג צו דער פֿאָטער־לענדישער נאַטור... דער נאַטור־לימוד דאַרף לערנען אָבסערװירן, אַנאַליזירן, עקספּערימענטירן און מאַכן שטרענג־זאַכלעכע אויספֿירונגען פֿון די דער־שײַנונגען... די לימודים פֿון פֿיזיק און כעמיע דאַרפֿן באַקענען די קינדער מיט די מעטאָדן, װעלכע װערן אָנגעװענדעט בײַם אַנטדעקן נײַע װיסנשאַפֿטלעכע אמתן (די ראָל פֿון היפּאָטעזן). — די נײַע פּראָגראַמען דאַרפֿן שטאַרק אַקצענטירן די פֿאָלגנדיקע מאָמענטן:

1) אַרבעט, אַלס גרונט־פֿאַקטאָר פֿון יעדער עװאָלוציע און אַלס אומבאַ־דינגט נויטיקער עלעמענט פֿון אַ מאָדערנער װעלטאַנשױונג.

2) דינאַמיזם — אומאויפֿהערלעכע עװאָלוציע פֿון דער װירקלעכער װעלט סײַ אין איר גאַנצקייט, סײַ אין אירע באַזונדערע עלעמענטן.

3) סטאַבילער צוזאַמענהאַנג צװישן די עלעמענטן פֿון קאָסמאָס און דעם פּראָצעס פֿון זײַן עװאָלוציע.

4) דאָס מענטשלעכע װילן: דורך אָרגאַניזירטער אַרבעט געשטאַלטעט דער מענטש די װירטשאַפֿט און די פֿאָרמען פֿון לעבן אין די ראַמען פֿון דער געגעבענער מאַטעריעלער סבֿיבֿה.

5) מענטשלעכער קאָלעקטיװ אַלס פּראָדוקט פֿון אָרגאַניזירטער אַרבעט אויפֿן געביט פֿון דער משפּחה, גמינע, מלוכה און אויך אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב".

---

*) Ogólnopolski Zjazd Oświatowy, str. 151-52.

„דער לימוד פון געאָגראַפיע איז א בריק צווישן די מאַטעמאַטיש־נאַטור־וויסנשאַפטלעכע און הומאַניסטישע לימודים. ער סינטעטיזירט קאָמפּלעקסן פון דערשיינונגען (נאַטוראַלע, דעמאָגראַפישע, ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע), ער אַנטפּלעקט פאַר אונז לאַנדשאַפטן (אין ברייטסטן זין פון דעם וואָרט, איינשליסלעך מיטן לעבן און מיט דער טעטיקייט פון מענטשן). דער לימוד פון געאָגראַפיע דאַרף לערנען די יוגנט וויסנשאַפטלעך דענקען, קינסטלעריש פילן, פּראַקטיש האַנדלען (וואַצלאַוו נאַלקאָווסקי)" *)

## ח) מאַטעמאַטיק

1) דער לימוד פון מאַטעמאַטיק דאַרף אַנטוויקלען די פעיקייט צום שטרענגן לאָגישן (דעדוקטיוון) דענקען און די אָריענטאַציע אין פונקציאָנעלע צו־זאַמענהאַנגען, ווי אויך די געוווינהייט אויסצודריקן אין א מאַטעמאַטישער פאָרם פאַרשידענע פונקציעס (עמפּירישע, פיזיקאַלישע, געאָמעטרישע).

2) דער לימוד פון מאַטעמאַטיק דאַרף אַנטוויקלען די רוימלעכע אימאַ־גינאַציע און די פאַרשטענדעניש פאַר פונקציאָנעלע צוזאַמענהאַנגען אין געאָ־מעטרישע פיגורן.

3) דער לימוד פון מאַטעמאַטיק קאָן אויך דערגרייכן — ביי א געהעריקער פאַרשטענדעניש מצד דעם לערער און ביי א געהעריקער מעטאָדע — א ריין דערציערישן ציל: ער קאָן מיטהעלפן צו אַנטוויקלען ביי דער יוגנט די מעלה פון אינטעלעקטועלער אָרנטלעכקייט, וועלכע מאָנט און פאָדערט, אז יעדעס וואָרט זאָל האָבן א זאַכלעכע און לאָגישע דעקונג (זע קאַפּיטל „כאַראַקטער־בילדונג", זייט 44) „די דערציערישע דינאַמיק פון דעם מאַטעמאַטיק־לימוד שטעקט אין די ספּעציפישע אייגנשאַפטן פון דער דאָזיקער וויסנשאַפט, וועלכע שטיצט זיך בלויז אויף אַבסאָלוטער פּינקטלעכקייט און לאָגישער שטרענגקייט. „די קאָלאָסאַ־לע באַדייטונג פון פּינקטלעכקייט ווייזט זיך נישט אין ערגעץ אַזוי בולט און קרעפטיק, ווי אין מאַטעמאַטיק; דער קלענסטער טעות מאַכט צונישט די גאַנצע אַרבעט... אין מאַטעמאַטיק קאָן מען נישט דרייען מיט דער צונג און דינען דעם אמת ביזן האַלבן וועג... רעכענען — דאָס הייסט זען די ווירקלעכקייט אַזוי, ווי זי איז, לערנען זיך אונטערשיידן דאָס, וואָס ס'איז מעגלעך, פון דעם וואָס ס'איז אוממעגלעך — אַנשטאָט אָפּצונאַרן זיך אַליין און פאַרמאַכן די אויגן אויף אַלץ, וואָס באַפרידיקט נישט אונדזער לייכטזיניקייט.. מ'מוז מיט דער יוגנט רעדן וועגן דעם עטישן מאָמענט פון מאַטעמאַטיק... אין די עקזאַקטע וויסנשאַפטן שטעקט א קאָלאָסאַלער אוצר פון אינטעלעקטועלן געוויסן, פון דיס־ציפּלין, פון דער פעיקייט צו אָבסערווירן און צו מאַכן אויספירן, און אַלע די מאָראַלישע פאַקטאָרן דאַרפן פלאַנמעסיק אויסגענוצט ווערן פאַר דער עטישער דערציונג" *)

---

*) Ogólnopolski Zjazd Oświatowy, str. 156—162.
**) Fr. W. Foerster — szkoła i charakter, sr. 252—253.

פון אַן אַנדערן שטאַנדפּונקט גייט צו צו דער פראַגע וועגן דעם דערציִערישן ווערט פון מאַטעמאַטיק דזש. דיועי. „די מאָראַלישע צילן פון מאַטעמאַטיק־לימוד וועלן נאָר דאַן דערגרייכט ווערן, ווען די מאַטעמאַטישע פּראָבלעמען וועלן געשעפּט ווערן געווי פון פּראַקטישן לעבן... אויב מאַטעמאַטיק האָט ביז איצט אַזוי שוואַך געשטאַלטעט דעם כאַראַקטער, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס מ'האָט זי אָפּגעטיילט פון איהרע פּראַקטישע אָנווענדונגען... מאַטעמאַטיק אַלס שול־לימוד האָט אַן עטישן ווערט אָדער האָט נישט אָפּהענגיק דערפון, צי די דאָזיקע וויסנשאַפט ווערט יאָ פאָרגעשטעלט ווי אַן אינסטרומענט פון געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, צי נישט. אָט דאָ טאַקע טרעט בולט אַרויס די מחיצה צווישן דער „ריינער וויסנשאַפט" און דעם מאָראַלישן כאַראַקטער, צווישן סתם אָנזאַמלען ידיעות און צווישן אויסאַרבעטן געזעלשאַפטלעכע געוווינהייטן. אין דעם מאָמענט ווען מאַטעמאַטיק ווערט אָפּגעטיילט פון דער געזעלשאַפטלעכער נוצלעכקייט, ווערט זי אַבסטראַקט אפילו פון ריין אינטעלעקטועלן שטאַנדפּונקט" *)

## ט) די אַרטיסטישע לימודים

די דאָזיקע לימודים דאַרפן אַנטוויקלען:

1) „די עמאָציאָנעלע פילבאַרקייט און די פאַרשטענדעניש פאַר שיינקייט אין דער אַרומיקער סביבה און אין טאָג־טעגלעכן לעבן;

2) די ליבשאַפט צו דער פּלאַסטישער קונסט אין ברייטסטן זין פון וואָרט און אויך צו מוזיק;

3) די פעיקייט פון קריטישער אָפּשאַצונג פון קונסטווערק;

4) די באַדערפעניש אויסצולעבן זיך און „אַרויסצוזאָגן זיך" פּלאַסטיש און מוזיקאַליש;

5) די איבערציִיגונג אין דער גלייכווערטיקייט פון פיזישער און גייסטיקער אַרבעט, ווי אויך אין דער געזעלשאַפטלעכער גלייכווערטיקייט פון דעם פיזישן און גייסטיקן אַרבעטער;

6) דעם קולט פון טעכניק און די דערפינדעריש־קאָנסטרוקטיווע פעיקייטן;

7) די באַדערפעניש און די שטרעבונג צו באַזיצן עסטעטיש־אויסגעאַרבעטע זאַכן און קונסטווערק.

אַלגעמיינער לאָזונג — אָפּוואַרפן דעם שטאַנדפּונקט: „קודם־כל ברויט, נאָכהער וויסנשאַפט און צום סוף קונסט", — אַלע דריי באַדערפענישן דאַרפן גלייכמעסיק באַפרידיקט ווערן" **).

## י) קערפּערלעכע איבונגען און פיזישע דערציִונג

אַלגעמיינע באַמערקונג. די לעצטע מלחמה האָט נישט נאָר פאַרניכטעט דעם פילמיליאָניקן יידישן קיבוץ אין פּוילן, זי האָט אויך איבערגעלאָזט שווערע

*) John Dewey — Szkoła i dziecko, sir. 85.

**) Ogólnopolski Zjazd Oświatowy, str. 163

שפּורן אין דעם אַלגעמיינעם געזונט־צושטאַנד פון דער שארית הפּליטה, וועלכע האָט זיך געראַטעוועט פון דעם בלוטיקן מבול. אונדזערע קינדער זײַנען אַרויס פון דער מלחמה אויסגעשעפּט פיזיש מיט אַ דערשיטערטן נערוון־סיסטעם. דעריבער באַקומט פאַר אונדזער שול־וועזן די פיזישע דערציונג פון די קינדער די באַדייטונג פון אַ נאַציאָנאַלער אויפגאַבע: סיהאַנדלט זיך וועגן ראַטעווען אונדזער יונגן דור פון ביאָלאָגישן אונטערגאַנג. אין אַזעלכע באַדינגונגען איז ווייניק צו זאָגן, אַז די פיזישע דערציונג דאַרף פאַרנעמען אין אונדזער שול־אַרבעט אַ בכבודיקן אָרט. מ'דאַרף אונטערשטרייכן, אַז די פיזישע דערציונג דאַרף זײַן דער פאָרבאַדינג, דער יסוד פון אונדזער אַרבעט. אַלע מיטלען מוזן אויסגענוצט ווערן, כּדי צו שטעלן אויף די פיס אונדזער יונגן דור. לופט, זון און דערנערונג, היגיענישע לאָקאַלן און קלאַסנצימערן, קערפּערלעכע איבונגען, שפּאַצירן, אויספלוגן, ספּאָרט, קאָלאָניעס — אַלץ מוז גענומען ווערן אין באַטראַכט, אַלע מיטלען מוזן מאָביליזירט ווערן פאַר דער רעגענעראַציע פון אונדזערע קומענדיקע דורות.

## די צילן פון דער פיזישער דערציונג

### אַלגעמיינע

1) געזונט און

2) געזעלשאַפטלעכע נוצלעכקייט פון דעם תּלמיד אין פאַרשידענע באַדינגונגען פון געזעלשאַפטלעכן פאָלקסלעבן.

### קאָנקרעטע צילן

„געניטקייט און פלינקייט ביים אויספירן פאַרשידענע באַוועגונגען, וועלכע זײַנען נויטיק אין לעבן, ווי אויך ביים באַהערשן נייע באַוועגונגען; קאָרעקטע און עסטעטישע האַלטונג; דיסציפּלינירטקייט; פעיקייט צו קאָאָרדינירן די אייגענע באַוועגונגען און אונטערענונגען מיט דער אַקציע פון דער גרופּע; גײַסטיקער מוט (דרייסטקייט, זעלבסטבאַהערשונג, אויסדויער); ליבשאַפט צו פיזישע איבונגען און צו דער נאַטור; באַקעמפן שעדלעכע און קולטיווירן נוצלעכע פאַרווײַלונגען; דורך עקסקורסיעס און לאַנד־אויספלוגן פאַרטיפן די באַקאַנטשאַפט מיטן לאַנד, מיט די מענטשן, מיט זייער לעבנשטייגער און אַנטוויקלען די צוגעבונדנקייט צו דער אַלגעמיינער פּוילישער און צו דער רעגיאָנאַלער קולטור". *)

(דאָס זעלבע, נאַטירלעך, איז נוגע אויך די יידישע ישובים אין פּוילן)

## יא) ספּעציעלע טעמעס

צו דעם אַלעמען דאַרף נאָך צוגעגעבן ווערן, אַז אין אַלע לימודים אַן אויסנאַם דאַרפן אַרויסגערוקט און שטאַרק אַקצענטירט ווערן די פאָלגנדיקע מאָמענטן, וועלכע האָבן אַ ספּעציעלע באַדייטונג פאַר אונדזער שול־וועזן:

---

*) Ogólnopolski Zjazd oświatowy, str. 171.

1) די טויזנט־יאָריקע איינגעוואָרצלטקייט פון דעם יידישן ישוב אין פוילן (דער אָנטייל פון יידן אין דער פוילישער ווירטשאַפט, ליטעראַטור, פּאָליטיק, קונסט; יידן אין די פרייהייטס־קאַמפן פון פוילישן פאָלק; יידישע געשטאַלטן אין דער פוילישער ליטעראַטור און פאָלקלאָר);

2) דאָס צוזאַמענלעבן פון דעם יידישן און פוילישן פאָלק (די פאָרמען פון דעם דאָזיקן צוזאַמענלעבן אין די אַמאָליקע און אין די נייע צייטן; די יידישע און די פוילישע אַרבעטער־באַוועגונג: געמיינזאַמע אָרגאַניזאַציעס, קאָאָרדינאַציע פון אַרבעט און קאַמף; יידן און פּאָליאַקן אין דעם געמיינזאַמען קאַמף מיטן פאַשיזם; ברידערלעכע הילף פאַר דער יידישער באַפעלקערונג בעת דער אָקופּאַציע מצד די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון פוילישן פאָלק — יחידים, גרופּעס, אָרגאַניזאַציעס);

3) דער כאַראַקטער פון אונדזער נייעם יידישן ישוב אין פוילן אין פאַרגלייך מיט דעם פאַרמלחמהדיקן ישוב (די אויסראָטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן דורך די פאַשיסטן; די סטרוקטור פון דעם נייעם ישוב; די קאָנצענטראַציע־פּונקטן פון דער יידישער באַפעלקערונג — אָפּשטעלן זיך ספּעציעל אויף דעם נידערשלעזישן ישוב; די יידישע אַרבעט ביי דעם אַקער־אייזן, אין די שאַכטעס, פאַבריקן, קאָאָפּעראַטיוון און אנד.; די קולטור און בילדונגס־אַרבעט);

4) די פאָרמעלע און פאַקטישע גלייכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן. (יידן אין די מלוכה־אַמטן, אין שטאַטישע אינסטיטוציעס, אין שול־וועזן; די ראָל פון דעם צ. ק. פון די יידן אין פוילן און פון די לאָקאַלע קאָמיטעטן);

5) די יידישע ישובים אין דער גאַנצער וועלט (זייער גרויס, סטרוקטור, עקאָנאָמישע לאַגע, פּאָליטישע וואָג אין קולטור־לעבן; דער יידישער וועלט־קאָנגרעס; די צוזאַמענאַרבעט פון די יידישע ישובים און די ברידערלעכע הילף פאַרן פוילישן ישוב);

6) דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל (ציוניזם — בירגערלעכער און סאָציאַליסטישער; די געשיכטע פון דעם ארץ־ישראלדיקן ישוב, די עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל; יידן און אַראַבער, דער ווירטשאַפטלעכער אויפבוי פון ארץ־ישראל דורך די יידן; קבוצות, אינדוסטריאַליזאַציע, נייע שטעט, דער יידישער ים, דער אויסלענדישער האַנדל; די באַלפור־דעקלאַראַציע; דער קאַמף מיטן ענגלישן אימפּעריאַליזם פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון ארץ־ישראל; די מדינה ישראל);

7) דער יידישער ישוב אין ראַטנפאַרבאַנד (די אָקטאָבער־רעוואָלוציע; די גלייכבאַרעכטיקונג און די פּראָדוקטיוויזאַציע פון די יידישע מאַסן און דער ערשטער סאָציאַליסטישער מלוכה; דער סאָוויעטישער ייד — דער פּוּלוּערטיקער מענטש און דער פולווערטיקער בירגער — אַלס פּראָדוקט פון דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט; דער אַנהויב פון יידישער מלוכהשאַפט אין ר"פ, ביראָבידזשאַן; דער אָנטייל פון די יידן אין דער סאָוויעטישער ווירטשאַפט, אין פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן; דאָס סאָוויעטישע יידנטום אין דער לעצטער מלחמה).

# אלגעמיינער אויספיר

אונדזער דערציונגס־פראגראם שטעלט זייער הויכע פאדערונגען סיי דעם יידישן קינד און יוגנטלעכן, סיי דעם יידישן לערער. די דאזיקע פאדערונגען שטייגן ווייט אריבער די נארמאלע מאס פון אנשטרענגונגען, מיט וועלכע ס'איז פארבונדן דער לערן־ און דערציונגס־פראצעס ביי די אומות העולם. מיר האבן זיך פארפליכטעט צו רעאליזירן אויף אונדזער אפשניט דעם מלוכה־פראגראם אין אלע זיינע מאטעריעלע, פארמעלע און דערציערישע עלעמענטן; מיר מוזן, חוץ דעם דורכמאכן זייער א ברייטן פראגראם פון נאציאנאלער דערציונג, און די דאזיקע גאנצע ארבעט דארפן מיר דורכפירן אין א מאמענט, ווען דער גייסטיקער מוסטער־מאדעל פון אונדזער פראגראם האלט ערשט אין געבוירן ווערן נאכן תהו ובהו פון דער וועלט־מלחמה אין א שווערן אינערלעכן גערַאנגל און אין זייער קאמפליצירטע באדינגונגען פון אונדזער נאציאנאלערווירקלעכקייט און פון דעם אינטערנאציאנאלן לעבן, אין פונדעסטוועגן זיינען מיר פול מיט האפענונג, אז אונדזער דערציונגס־פראגראם וועט אויסגעפירט ווערן. די דאזיקע האפענונג שטיצן מיר אויף צוויי פאקטארן: אויף דער פון דורות געירשנטע/ און פון דורות געשטארקטער גייסטיקער פלאסטישקייט און לייסטונגס־פעיקייט פון יידישן קינד און אויף דער אידעישער דערהויבנקייט און איבער־געגעבנקייט פון דעם יידישן לערער.

פערטער קאַפּיטל

# דער תמצית פון דעם לערנמאַטעריאַל און זײַנע קאָרעלאַציעס

מיר טרעטן צו צום לעצטן קאַפּיטל פון אונדזער דערציִונגס־פּראָגראַם. ווי ס'איז שוין געזאָגט געוואָרן אין פאָרוואָרט, וועט אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל געגעבן ווערן די דידאַקטישע באַזע פון אונדזער דערציִונגס־פּראָגראַם, ד. ה. דער תמצית פון דעם לערנמאַטעריאַל לויט באַזונדערע קלאַסן. די דאָזיקע איבערזיכט וועט קלאָר מאַכן סײַ דעם אינהאַלט פון דעם לערן־שטאָף, סײַ די פאַרבינדונגען (קאָרעלאַציעס) פון דעם לערן־מאַטעריאַל.

צוערשט אַ רײ באַמערקונגען:

1. אין די ראַמען פון דער 8־יאָריקער גרונט־שול. Szkoła podstawowa קאָן מען דעם גאַנצן דערציִונגס־פּראָגראַם אײַנטיילן אין דרײ שטופן: די ערשטע נעמט אַרום די קאָנצענטראַציע־קלאַסן (1—3־טע); די צווייטע — די מיטעלע קלאַסן (4—5טע) און די דריטע — די העכערע קלאַסן (6—8־טע).

## א) די ערשטע שטופע

אויף דער ערשטער שטופע באַזירט זיך די דערציִונגס־אַרבעט הויפּט־זעכלעך אויפן קלאַסן־לעבן. די דערציִונגס־ספערע ווערט געשאַפן דורכן דידאַקטישן קאָנצענטראַציע־מאַטעריאַל, ווי אויך דורך יום־טובים, אַקאַדעמיעס, פײַערלעכקייטן, שמועסן און אַנדערע. די וויכטיקסטע אויפגאַבע, וועלכע שטייט פאַרן דערציִער אויף דער דאָזיקער שטופע, איז: אויפלייזן בהדרגה די עגאָ־צענטרישע אינסטינקטן פון די קינדער, אײַנפּערעמען פרײַנטשאַפטן און פאַר־בינדונגען, אַרײַנציִען אַלע קינדער אין דער קלאַסן־אַרבעט און אין קעגנזײַטי־קער הילף, פּלאַנמעסיק און סיסטעמאַטיש אַרויסרופן אַלגעמיינע קלאַסן־אויפ־גאַבן און אַלגעמיינע אינטערעסן, סובלימירן די נאַטירלעכע אַקטיווקייט פון די קינדער אין דינסט פון די דאָזיקע קלאַסן־אינטערעסן, וועקן אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע אַמביציעס, קולטיווירן די געפילן פון חברישקייט, פון אַחריות, פון אָרנטלעכקייט אין וואָרט און אין טאַט, באַקעמפן נעגאַטיווע כאַראַקטער־דיספּאָזיציעס. חוץ דעם: אײַנפלאַנצן די עלעמענטאַרע קולטור־אויטאָמאַטיזמען פון ריינקייט, פּינקטלעכקייט, אויסערלעכער האַלטונג לגבי לערער און חברים. דער לערן־שטאָף אויף דער דאָזיקער שטופע — איבערהויפּט דער ייִדיש־

לימוד — ניט שוין די מעגלעכקייט צו באַרירן אַזעלכע פּראָבלעמען, ווי מסירת־נפש, ווי פריינטשאַפט צווישן קינדער פון פאַרשידענע פעלקער, העלדנמוט, ליבשאַפט צו יעדער לעבעדיקער באַשעפעניש, צו דער נאַטור בכלל און אַנד. די גאַנצע אידעיִשע דערציִונג אויף דער דאָזיקער שטופע דאַרף אָפּעריִרן אויס־שליסלעך מיט איינדרוקן און בכלל מיט עמאָציאָנעלע מאָמענטן. מ׳דאַרף זיך באַמיִען, אַז אונדזערע נאַציאָנאַלע יום־טובים און מלוכה־יום־טובים זאָלן זיך טיף איינקריצן אין די הערצער פון די קינדער. די דערקלערונגען און שמועסן אין צוזאַמענהאַנג מיט פאַרשידענע פייערלעכע מאָמענטן דאַרפן זיין קורץ און סו־געסטיוו; זיי דאַרפן ווירקן קודם־כל אויפן געפיל און אויף דער פאַנטאַזיע.

## ב) די צווייטע שטופע

דער פערטער לערניאָר, מיט וועלכן ס׳הויבט זיך אָן די צווייטע דערציִונגס־שטופע, דאָס איז דער רעוואָלוציאָנערסטער יאָר אין דער אַלגעמיינער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון קינד. דאָס איז דאָס יאָר פון אַ קאַרדינאַלן איבערברוך און אַ דעצידירנדיקן שריט פאָרויס: אין פערטן קלאַס הויבט דאָס קינד אָן צו לערנען געשיכטע. ביזן 4־טן קל. האָט דאָס קינד געהאַט צו טאָן מיט אַ געגעבענער סטאַטישערווירקלעכקייט, מיט אַ ווירקלעכקייט אָן אַ פאַר־גאַנגענהייט, וועלכע האָט זיך פאַרן קינד אַנטפּלעקט אין דער אַרומיקער וועלט, אין רוים. איצט ווערט דאָס וועלט־באַנעמען פון קינד באַרייכערט און פאַרברייטערט מיט אַ נייעם פלאַך — מיטן פלאַך פון צייט, פון געשיכטע. די וועלט פון זיין ווירקלעכקייט באַקומט פאַרגאַנגענהייט, דער הייַנט באַקומט אַ נעכטן. פאַרן קינד אַנטפּלעקט זיך בהדרגה די אידעע פון פאַרענדערלעכקייט, פון עוואָלוציע. גלייכצייטיק טרעט אַריין אין גייסטיקן לעבן פון קינד אַ צווייטער וויכטיקער מאָמענט: סיהויבט זיך אָן צו באַקענען מיט גאַנצע נאָוועלן און מיט גרעסערע פראַגמענטן פון ליטעראַרישע ווערק. קיין סיסטעמאַטישער ליטעראַטור־לימוד איז נאָך אויף דער דאָזיקער שטופע נישטאָ, אָבער דאָס קינד ווערט שוין צוביסלעך אַ לייענער, ס׳זאַמלט ליטעראַרישע דערפאַרונג, ס׳באַקענט זיך מיט באַזונדערע שרייבער, מיט זייער טעמאַטיק, מיט זייער נוסח, ס׳באַקומט באַשטימטע סימפּאַטיעס, ס׳הויבט זיך אָן אויסצואַרבעטן אַ באַשטימטן געשמאַק; בכלל, איז דאָס קינד אויף דער דאָזיקער צווייטער שטופע אויסערגעוויינלעך נייגעריק, אַנטדעקעריש און ס׳פאַרמאָגט אַן אינטענסיוון גייסטיקן אַפּעטיט.

אַט דער דאָזיקער כאַראַקטער פון דער צווייטער שטופע דאַרף גענומען ווערן אין אַכט בײַם באַשטימען די צילן און די פאָרמען פון דער דערציִונגס־אַרבעט אויף דער דאָזיקער שטופע. קודם־כל דאַרפן פאַרפעסטיקט ווערן די דערציִערישע דערגרייכונגען פון דער ערשטער שטופע. דער לערן־מאַטעריאַל פון ייִדיש, העברעיִש, ייִדישער געשיכטע און פויליש גיט די מעגלעכקייט באַדייטנ־דיק צו פאַרברייטערן די דערציִערישע טעמאַטיק. ס׳רוקן זיך אַרויס די פאָלגנ־דיקע טעמעס: פוילן בכלל און דער געגעבענער קאַנט בפרט; קינדער פון פאַר־

שידענע סאָציאַלע סביבות; דאָס קינד היינט און אַמאָל; שטאָט און דאָרף; שול און היים; מיין שול, מיין קלאַס; דאָס יידישע קינד אין דער גאַנצער וועלט; דאָס בוך — זיין געשיכטע און באַדייטונג; מענטשן פון אַרבעט און נויט; העלדן פון דער וויסנשאַפט; קינדער־העלדן; פּאָעזיע פון אַרבעט; וויכטיקע לויפנדיקע געשעענישן פון פּוילישן לעבן; אַקטועלע פּלענער און דערגרייכונגען פון דער רעגירונג; גלייכע פליכטן און גלייכע רעכט פאַר אַלע בירגער; פּוילישע דעמאָקראַטן, זייער לעבן און קאַמף; העלדן און מאַרטירער; העלדן פון אַרבעט; יידן און קריסטן; פּויערים און פּריצים; דאָס לעבן פון קינדער און יוגנטלעכע (ספּאָרט, פאַרוויילונגען, זומער־קאָלאָניעס, קינדער־ און יוגנט אָרגאַניזאַציעס); סאָציאַלע אַרבעט און סאָציאַלע צוזאַמענהאַנדלונג (פּראָפ. פאַריינען, פּאַרטייען, קאָאָפּעראַטיוון; יידישע מלכים און העלדן; דער קאַמף פון דעם יידישן פאָלק פאַר זיין פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט; די מדינה ישראל.

פייערלעכקייטן און אַקאַדעמיעס דאַרפן צוגעפּאַסט ווערן צום גייסטיקן פּראָפיל פון דעם דאָזיקן עלטער און ספּעציעל צו דעם פּראָפעדעווטישן כאַראַקטער פון די געשיכטע־קענטעניש פון די קינדער. אַלע יום־טובים דאַרפן וועקן קודם־כל עמאָציעס און איינדרוקן, אָבער צוביסלעך טראָגן מיר שוין אַריין אין די איבערלעבונגען פון די קינדער דעם עלעמענט פון געזעלשאַפטלעכן, נאַציאָנאַלן און פּאַטריאָטישן באַוווסטזיין. ביי די געהעריקע אייַנלייטונגען און שמועסן מיידן מיר אויס צו געבן פּראַגמאַטישע היסטאָרישע איבערבליקן; מיר האַלטן זיך אין די ראַמען פון היסטאָרישער פּראָפּעדעווטיק, ד. ה. מיר גיבן בולטע, סוגעסטיווע, אָבער אָפּגעגרענעצטע בילדער פון דער געגעבענער געשעעניש, אָדער פּערזענלעכקייט.

## ג) די דריטע שטופע

1. אויף דער דריטער שטופע, ווו אין לערן־פּראָגראַם גייען שוין אַריין סיסטעמאַטישע קורסן פון ליטעראַטור און געשיכטע, דאַרף דער שווערפּונקט פון דער דערציונגס־אַרבעט וואָס ווייטער, אַלץ מערער אַריבערגעטראָגן ווערן אויף ראַציאָנעלע וויסנשאַפטלעכע מאָמענטן און אויסגעשפּראָכענע אידעישע טענדענצן, אָבער אויך אויף דער דאָזיקער העכערער שטופע דאַרפן די אידעישע טענדענצן האָבן אַ שטאַרקע עמאָציאָנעלע באַפאַרבונג. די געוויסע דערציערישע טעמאַטיק פאַר דער דאָזיקער שטופע וועט אָנגעגעבן ווערן אין די ווייטערדיקע קאָרעלאַציעס.

2. די קאָרעלאַציעס וועלן אָנווייזן דעם לערן־מאַטעריאַל נאָר פאַר די עלטערע דריי קלאַסן, ווייל דער דאָזיקער מאַטעריאַל כאַראַקטעריזירט אין אַ גענוגענדיקער און דעטאַלירנדיקער מאָס אונדזער דערציונגס־פּראָגראַם.

3. די פּאַטריאָטישע און אין דער גרעסטער מאָס אויך די דעמאָקראַטישע דערציונג פון אונדזער יוגנט ווערט אין אַ גענוגנדיקן פאָרנעם געזיכערט דורכן מלוכה־פּראָגראַם. ספּעציעלע מאָמענטן, אויף וועלכע מיר

דארפן באזונדערס אכט לייגן, זיינען באריכט געווארן אין די קאפיטלען: „געפיל און פארשטאנד" (זייט 31 ) און „די דערציונגס־פאקטארן (זייט 45).

4. אין דעם מאמענט האבן מיר נאך נישט קיין יידיש־פראגראם פארן 8־טן קלאס. אבער די ווייטערדיקע קארעלאציעס וואלטן זייער שטארק געליטן, ווען ס'זאל פעלן אזא וויכטיקער עלעמענט, ווי יידיש אין 8־טן קלאס. דעריבער נעמט דער מחבר פארן 8־טן קלאס דעם פראגראם, וועלכן ער האט בדעה פארצולייגן אונדזער לערערשאפט אלס פראיעקט. דער האזיקער פראגראם־פראיעקט שטיצט זיך אויף די מאטעריאלן פון ח' ש. קאזדאן און זעט פאר פארן 8־טן קלאס א סיסטעמאטישן קורס פון יידישער ליטעראטור לויטן ליטעראטור־היסטארישן פאדים (איינשליסלעך מיט דער געשיכטע פון דער יידישער שפראך און פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור). אזא פראגראם וועט זיך אויסגעצייכנט קארעלירן מיטן נייעם פראגראם פון דער יידישער און אלגעמיינער געשיכטע פארן 8־טן קלאס, וועלכער נעמט ארום די תקופה פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע ביז אונדזער צייט, און במילא וועט ער זיך אויך קארעלירן מיטן מלוכה־פראגראם און מיטן לימוד וועגן פוילן און וועגן דער היינטיקער וועלט (זע ווייטער דעם פונקט 5).

5. דער מאטעריאל פון יידישער געשיכטע ווערט געגעבן לויטן נייעם פראגראם, וועלכער איז אויסגעארבעט געווארן דורכן מגר. טרונק לויט די אלגעמיינע ריכטליניעס פון דעם מחבר. דער האזיקער פראגראם איז געבויט אויף א 2־יאריקן פראפעדעוטישן (4—5) און אויף א 3־יאריקן סיסטעמאטישן קורס (6—8) און איז קארעלירט מיטן מלוכה־פראגראם. אזוי ווי די נייע מלוכה־פראגראמען פון געשיכטע גיבן זייער א ברייטן קורס פון אלגעמיינער געשיכטע, וועט דער לימוד פון יידישער געשיכטע זיך קאנען מערער קאנצענטרירן אויף אונדזער נאציאנאלער געשיכטע. דערביי וועט מען דארפן אויספירלעכער און ברייטער, ווי אין מלוכה־פראגראם, באהאנדלען די מאמענטן פון אלגעמיינער געשיכטע, וועלכע האבן פאר אונדז פון נאציאנאלן שטאנדפונקט א באזונדערן באדייטונג.

6. דער מאטעריאל פון העברעיש איז אנגעגעבן לויט די נייע פראגראמען, וועלכע זיינען אויסגעארבעט געווארן דורך מגר. נ. אוריסאן.

7. דער מאטעריאל פון געשיכטע — סיי פון יידישער, סיי פון אלגעמיינער און פוילישער, ווערט אנגעגעבן פארן 6־טן און 7טן קל. סכעמאטיש (בלויז א רשימה פון די הויפט־טעמעס). דאקעגן פארן 8־טן קלאס ווערט געגעבן אן אויספירלעכער מאטעריאל.

8. די טעמאטיק פון דעם יידיש־לימוד איז טיילווייז קארעלירט מיט דער טעמאטיק פון דעם פויליש־לימוד, גלייכצייטיק איז די האזיקע טעמאטיק פארבונדן מיטן געשיכטע־פראגראם. אזוי ארום באקומט זיך א נאענטע קארעלאציע פון ליטעראטור מיט געשיכטע.

9. די דערציערישע טעמאַטיק פון דעם העברעיש־לימוד פאַלט אין אַ גרויסער מאָס זיך צונויף מיט די טעמעס פון יידיש און פויליש. דעריבער ווערן די דאָזיקע טעמעס נישט איבערגעחזרט ביי דער רובריק פון העברעיש. סיווערן נאָר אָנגעגעבן געוויסע ספּעציעלע טעמעס.

10. בכלל אין די קאָרעלאַציעס זענען אָריענטירונגען געוואָרן נאָר די לימודים, וועלכע האָבן אַ העכערע באַדייטונג פאַר דער אידעיִשער דערציִונג (יידיש, העברעיש, פויליש, געשיכטע און דער לימוד וועגן פוילן און וועגן דער היינטיקער וועלט).

# זעקסטער קלאַס

## א) יידיש

די וויכטיקסטע אין דערציערישער הינזיכט עלעמענטן פון פּראָגראַם זענען:

1) דער ליטעראַטור־לימוד און 2) די פרייע שמועסן. דער מאַטעריאַל פון ליטעראַטור־לימוד, געשעפּט פון די בעסטע פּראָזאיקער און דיכטער פון דער יידישער אַלגעמיינער ליטעראַטור, ווערט איינגעטיילט אין פאָלגנדיקע ציקלען:

1. אין וואַרשטאַט און פאַבריק (דער אַרבעטער, פאָלקס־מענטש און האָרעפּאַשניק אין די באַדינגונגען פון דעם אַלטן לעבנסשטייגער און פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע).

2. דאָס יידישע לעבן (בילדער פון אַלטן יידישן — דער עיקר קליינשטעטלדיקן — לעבנסשטייגער ערב דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די יידישע מאַסן; דאָס יידישע לעבן אין דעם פאַרבישופּטן קרייז פון בית־המדרש, — געוועלבל — בית־עולם, גאָטס סטראַפּטשעס און פאַרזאָרגערס פון קהל; די אינערלעכע עמיגראַציע פון שטעטל אין שטאָט אַריין; עמיגראַציע לעבר מים; רדיפות און פּאָגראָמען).

3. צו אַ נייַ לעבן (די יידישע מאַסן אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף).

4. הומאָר און סאַטירע (דאָס מענטשלעכע לעבן אין דער קינסטלערישער באַלויכטונג פון הומאָריסטן און סאַטיריקער — יידישע און נישט־יידישע).

5. די נייעסטע יידישע ליטעראַטור (די מלחמה־יאָרן אין ראַטנפאַרבאַנד און אין אָקופּירטן פוילן; די נייע פוילישע ווירקלעכקייט).

די וויכטיקסטע טעמאַטיק פון מינדלעכע שמועסן און שריפטלעכע אַרבעטן: דאָס אַלטע און נייע פוילן; אונדזער פויליש פאָטערלאַנד; דער יידישער אַרבעטער אין פוילן אַמאָל און היינט; די אָקטאָבער־רעוואָלוציע און דער ראַטנפאַרבאַנד; קאַמף פון דעם ארץ־ישראלדיקן ישוב.

## ב) העברעיש

ספעציעלע טעמעס (חוץ די אלגעמיינע): דער בויענדיקער און קעמפנ־דיקער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל; בילדער און געשטאלטן פון ארץ־ישראל־לעבן.

## ג) פויליש

די וויכטיקסטע דערציערישע טעמעס אין צוזאמענהאנג מיט דער ליטע־ראטור און מיט די פרייע שמועסן: האָס לעבן פון קינדער און פון דער יוגנט אין דער היים, אין שול און אויסער דער שול; האָס געזעלשאפטלעכע לעבן אין שול; חברשאפט און פריינטשאפט; משפחה און געזעלשאפט; ליבשאפט צום מענטש און צו זיין שעפערישער ארבעט; פאטריאָטיזם, בענקשאפט נאָכן היימלאנד (ביי עמיגראנטן); האָס פוילישע פאָלק און זיין וועלטבאנעם; דער קאמף מיט אומ־יושרדיקייט און עוולות (לויט פאָלקס־לעגענדעס, פאָלקס־מעשיות, שפּריכווערטער און אנדערע); די אונטערדריקטע מאסן אין אמאליקן פוילן, באזונדערס די פויערים; א פרייער וועג צו קולטור און בילדונג פאר די ארבעטער און פויערים־קינדער.

## ד) יידישע געשיכטע

(פון די עלטסטע צייטן ביזן חורבן בית שני)

1) ווען און ווי אזוי איז אנטשטאנען האָס יידישע פאָלק; 2) די בני־ישראל אין מצרים; 3) די תקופה פון די שופטים; האָס לאנד כנען און זיינע איינוווינער; 4) שאול — דער ערשטער יידישער מלך; 5) דוד המלך אין ירו־שלים; 6) שלמה המלך; 7) און 8) מלכות־ישראל — בלי־צייט און אונטער־גאנג; 9) מלכות יהודה ביז דער גרויסער רעליגיעזער רעפאָרם; 10) די גרויסע רעליגיעזע רעפאָרם; בבל און דער אונטערגאנג פון מלכות יהודה; 11) דער לעבנסשטייגער פון די יידן אין דער אלטער צייט; 12) די גייסטיקע קולטור; רעליגיע, שפּראך און ליטעראטור; 13) גלות בבל; 14) יהודה אונטער דער פערסישער הערשאפט; 15) די כוהנים־רעגירונג (טעאָקראטישע אָרדענונג); דער תנ"ך; 16) די צייטן פון דער גריכישער הערשאפט; 17) די זעלבשטענדיקע חשמונאים־מלוכה; 18) די רוימישע הערשאפט; דער חורבן בית שני.

## ה) אלגעמיינע געשיכטע

(לויטן מלוכה־פּראָגראם)

אלטער מזרח; גריכנלאנד; רוים.

# זיבעטער קלאס

## א) יידיש

(זע די באמערקונג צום יידיש פראָגראם פארן 6־טן קלאס)

דער ליטעראַרישער מאַטעריאַל צעפאַלט זיך אויף פאָלגנדיקע ציקלען:

1. פון די אַלטע צייטן — המשך פון דעם ציקל „דאָס יידישע לעבן" פון 6־טן קלאַס.

2. חסידיש און השכלה — די טעמאַטיק פון חסידיש און השכלה אין דער קינסטלערישער און אין דער פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור.

3. יידן אויף דער וועלט — דאָס יידישע לעבן אין די יידישע ישובים פון דער וועלט אין בילד פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור.

4. דער יידישער אַרבעטער — המשך פון דעם ציקל „צו א ניי לעבן" פון 6־טן קלאַס.

די טעמאַטיק פון מינדלעכע שמועסן: די מלחמה און אָקופּאַציע־יאָרן; דאָס היינטיקע פּוילן און דער יידישער ישוב אין פּוילן (אויפן סמך פון ליטע־ראַרישן און פּרעסע־מאַטעריאַל; די יידישע ישובים אין דער גאַנצער וועלט.

## ב) העברעיש

ב) ספּעציעלע טעמעס (חוץ די אַלגעמיינע) — דער לעבנסשטייגער און די ווירטשאַפט אין ארץ־ישראל: נייע שטעט, קאָלאָניעס, פאַבריקן, ים־האַנדל, יום־טובים און פּראָווינצן.

## ג. פּויליש

די וויכטיקסטע דערציערישע טעמעס אין צוזאַמענהאַנג מיט דער לעק־טור און מיט פרייע שמועסן:

1. פון פאַרגאַנגענע דורות — די געשיכטע פון דערפינדונגען און אנטדעקונגען אויפן שוועל פון דער נייער צייט; די ערשטע שפּראַכקונגען פון די היינטוועלטיקע אידעען אין דער תקופה פון הומאניזם.

2. די געראַנגלען פון פּוילישן פאָלק און פון אנדערע סלאַווישע פעלקער מיטן גערמאַנישן „דראַנג נאַך אָסטן".

3. דער קאַמף פון פּוילישן פאָלק פאַר זיין אומאָפּהענגיקייט און פאַר דער סאָציאַלער באַפרייונג פון די אַרבעטנדיקע מאַסן — ביאָגראַפישע פּאָר־טרעטן פון באַוווּסטע פרייהייט־קעמפער און געזעלשאַפטלעכע טוער.

4. די יוגנט און איר ראָל אין דער פרייהייט־באַוועגונג — יוגנט־פאַר־באַנדן; יוגנט־אָרגאַניזאַציעס; זעלבסט־בילדונג; די יוגנט אין פּוילן און אין אַנ־דערע לענדער.

5. נייע פּראָדוקציע־פאָרמען אין דער תקופה פון אינדוסטריאַליזאַציעס — די ראָל פון דער מאַשין; די אנטוויקלונג פון דער טעכניק; די מאַכט פון וויסן;

דער מענטש באהערשט און געשטאַלטעט די נאַטור; געשטאַלטן פון גרויסע געלערנטע; מסירת־נפש אין דינסט פון דער וויסנשאַפט.

## ד) די יידישע געשיכטע

(פון חורבן בית שני ביז דער ערשטער עמאַנסיפּאַציע)

יוחנן בן זכאי און דער סנהדרין אין יבנה. 2. די הערשאַפט פון די קריסטלעכע ביזאַנטישע אימפּעראַטאָרן. 3. דער נייער יידישער צענטער אין בבל אונטער פּערסישער הערשאַפט. 4. דאָס יידישע לעבן אין א"י און אין בבל אין ליכט פון תלמוד. 5. דאָס אויפקום פון איסלאַם און די יידן אין קאַליפאַט. 6. די ערשטע ישובים אין אייראָפּע. 7. די יידן און דער אימפּעריע פון קאַרל דעם גרויסן און זיינע נאָכפאָלגער. 8. יידן און דער קריסטלעכער שפּאַניע און דער קולטור־קאַמף. 9. גירוש שפּאַניע. 10. די רדיפות קעגן יידן אין דײַטשלאַנד ביזן סוף מיטלאַלטער. 11. די ערשטע יידישע ישובים אין פּוילן. 12. די תקופה פון הומאַניזם, רעפאָרמאַציע און רעאַקציע. 13. דאָס אויפקומען פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. 14. די „גאָלדענע צייט" אין פּוילן. 15. דאָס אינערלעכע לעבן פון די פּוילישע יידן. 16. די ירידה פון די קהלות אין פּוילן. 17. דער 30־יאָריקער קריג אין דײַטשלאַנד.

## אַלגעמיינע געשיכטע (לויטן מלוכה־פּראָגראַם)

1. דאָס אויפקומען פון א נייעם לעבן אויף די חורבות פון דער אַלטערטימלעכער ציוויליזאַציע.

2. אייראָפּע אין דער תקופה, ווען ס'האָט זיך געשאַפן און פאַנאַנדערגעבליט די מיטלאַלטערלעכע אָרדענונג.

3. אייראָפּע אין דער תקופה פון דעם סטאַביליזירטן פעאָדאַליזם און פון דער שטאַנדמאָנאַרכיע.

4. רענעסאַנס פון רעפאָרמאַציע.

5. די תקופה פון דער אייראָפּעישער עקספּאַנסיע אויפן אָקעאַן און אויף נייע קאָנטינענטן.

6. אַבסאָלוטיזם און די צעפאַלונג פון דער פעאָדאַלער אָרדענונג.

# אבטער הלאס

## א. יידיש (פּראָיעקט)

א) אן איבערבליק איבער דער געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך — די יידישע מינעזינגער אין מיטלאַלטער; ריטער־ראָמאַנען און דערציילונגען; איבערזעצונגען פון תנ"ך און פון מוסר־ספרים; אליהו בחור און דאָס באָבאָ־בוך; זכרונות פון גליקל פון האַמעלן.

## ב. געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור

1. די השכלה־באַוועגונג און השכלה־ליטעראַטור.

2. מענדעלע מוכר ספרים.

3. שלום־עליכם.

4. פּרץ.

5. די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פּאָעזיע (ווינטשעווסקי, ראָזענפעלד, רייזען, באָווּשאָווער, ערעלשטאַט, ביאַליק, לייוויק).

6. די יידישע דיכטונג אין דעם צווישנמלחמהדיקן פּעריאָד (האַלפּערן, האָפּשטיין, קולבאַק, מאַרקיש, פעפער, ניידוס, מאַנגער).

7. שלום אַש.

8. די יידישע פּראָזע אין דעם צווישנמלחמהדיקן פּעריאָד (אָפּאַטאָשו, בערגעלסאָן, קולבאַק, סעגאַלאָוויטש, זינגער, קאַגאַנאָווסקי).

6. די יידישע דיכטונג אין דעם צווישנמלחמהדיקן פּעריאָד (האַלפּערן, (בילדער פון קאַמף און העלדנמוט, געטאָ־ און לאַגער־מאָטיוון, דער אונטערגאַנג פון פּוילישן יידנטום).

10. די יידישע קריטיק און פּובליציסטיק.

11. יידישע דראַמע און יידישער טעאַטער.

באַמערקונג דער פּראָגראַם פון ליטעראַטור שטיצט זיך אויפן גאַנצן ליטעראַרישן מאַטעריאַל, וועלכער איז אָנגעזאַמלט געוואָרן אין די ייִנגערע קלאַסן און אויף א ריי נייע ווערק. דערביי ווערט דער גאַנצער מאַטעריאַל סיסטעמאַטיזירט אין א היסטאָרישן סדר און מאַרקסיסטיש באַלויכטן פון ליטעראַטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט אויפן פאָן פון דער נייער און נייעסטער יידישער סאָציאַל־פּאָליטישער און קולטור־געשיכטע

## ג. די יידיש־וועלטלעכע קולטור.

די דאָזיקע טעמע וואָלט געקאָנט אויסגעטיילט ווערן אין א באַזונדערן לימוד, היות אָבער, ווי זי גרענעצט זיך סיי מיטן ליטעראַטור לימוד, סיי מיטן געשיכטע־לימוד איז דעריבער צוועקמעסיקער צוליב דידאַקטישע און פּראַקטישע טעמים צו פאַרבינדן זי מיט די אָנגערופענע ביידע לימודים אין דעם פּראָגראַם פון יידישער געשיכטע גייט די דאָזיקע טעמע אַריין אין 9־טן קאַפּיטל („סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַוועגונגען”). פון דער אַנדערער זייט דאַרף דער יידישער לימוד געבן זיין צושטייער צו דער דאָזיקער טעמע דורך א געהעריקן ליטעראַרישן און הויפּטזעכלעך פּובליציסטישן מאַטעריאַל. דאָס וויכטיקסטע איז דערביי, אַז די טעמע „יידיש־וועלטלעכע קולטור” זאָל באַהאַנדלט ווערן וויסנשאַפטלעך, ד. ה. ווערן נישט ווי אַן איזאָלירטע גייסטיקע באַוועגונג, נאָר ווי אַן אויסדרוק פון יידישן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, פון דעם נייעם עוואָלוציאָניסטישן און קולטור־

וואָלונטאַריסטישן צוגאַנג צום יידישן נאַציאָנאַלן וועזן, אויפן פּאָן פון רע־ סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון די יידישע מאַסן.

## ד) העברעיש

ספּעציעלע טעמעס (חוץ די אַלגעמיינע) — דאָס יידישע גייסטיקע לעבן אין א״י (שול־וועזן, הויכשולן, ליטעראַטור און פּרעסע); קורצע איבערבליקן איבער איינצלנע שרייבער און ווערק פון דער העבר. ליטעראַטור.

## ה) פּויליש

די וויכטיקסטע רעהציערישע טעמעס פאַרבונדן מיט דער לעקטור אָדער מיט פרייע שמועסן:

1. די אידעע פון פּראָגרעס אויפן שוועל פון 18־טן און 19־טן י״ה די פראַנצויזישע ראַציאָנאַליסטן, ענציקלאָפּעדיסטן, אויפקלערער; די דעקלעראַציע וועגן „די רעכט פון מענטשן און בירגער".

2. די שטרעבונגען פון דעם פּוילישן פאָלק צו אומאָפּהענגיקייט און די קאַמפן פאַר דער סאָציאַלער באַפרייונג פון די אַרבעטנדיקע מאַסן די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע עמאַנסיפּאַציע פון די פאָלקס־מאַסן (באַזונדערס באַריקזיכטיקן דעם פּעריאָד 1918 — 1939), די פּיאָנערישע ראָל פון דער אינטע־ליגענץ; די פרויען־פראַגע. ביאָגראַפישע סילועטן פון באַוווּסטע קעמפער און געזעלשאַפטלעכע טוער.

3. די פאַרברעכנס פון דעם פאַשיזם. די צווייטע וועלט־מלחמה און רע־ קאַמף מיט די רעשטלעך און מיט די השפּעות פון פאַשיזם.

4. אַרבעט אַלס אַנטוויקלונגס־מאָטאָר פון אינדיווידועלן און קאָלעקטיוון לעבן — העלדן פון אַרבעט; אַרבעט־שוץ; פּראָפעסיאָנעלע פעיקייטן און דיספּאָ־ זיציעס; די רעכט און די פליכטן פון דעם אַרבעטסמענטשן.

5. צו אַ בעסערער צוקונפט — די פּוילישע סאָציאַלע רעפאָרמען; גייס־ געביטן; מאַסן־קולטור און מאַסן־בילדונג; אונדזערע באַציונגען מיט אַנדערע סלאַווישע פעלקער; די פּערספּעקטיוון פון דעמאָקראַטישן פּוילן.

6. „פאַר אונדזער און אייער פרייהייט" — די באַפרייונגס־קאַמפן פון די פאָלקס־מאַסן אין אַנדערע לענדער; דער קאַמף מיט נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע און ראַסן פאַראורטיילן אין פּוילן און אויף דער וועלט; אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענאַרבעט אויף פאַרשיידענע געביטן.

## ו) די יידישע געשיכטע

(פון דער ערשטער עמאַנסיפּאַציע ביז דער צווייטער וועלט-מלחמה)

### 1. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע און די ערשטע עמאַנסיפּאַציע

די אַלוועלטלעכע באַדייטונג פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, דער אָנטייל פון די פראַנצויזישע יידן; דער דעקרעט פון דער נאַציאָנאַלער פאַר־

זאמלונג וועגן גלייכבארעכטיקונג פון אלע בירגער (1791); די בירגערלעכע עמאנסיפאציע אין מערב־איראפע אין דער צייט פון די רעוואלוציאנערע מלחמות, נאפאלעאן און דער „גרויסער סנהדרין" אין פאריז 1806; די פאליטישע רעאקציע נאך נאפאלעאנס מפלה און די אפשאפונג פון דער גלייכבארעכטיקונג פאר יידן.

## 2. די השכלה־באוועגונג

די „אויפקלערונג" אין איראפע (קורץ); דאס אויפקומען פון א פארמעגלעכער יידישער בורזשואזיע אין דייטשלאנד; שטרעמונגען און צילן פון דער השכלה־באוועגונג אין דייטשלאנד; משה מענדעלסאן; דער „ביאור" און זיין באדייטונג; תלמידים און נאכפאלגער; די „מאספים"; לעססינג דער יידן־פריינט; די השכלה ווי א באוועגונג פון פארמעגלעכן בירגערטום; קולטורעלער אויפשטייג פון די דייטשע יידן; די רעפארם־באוועגונג — דוד פרידלענדער, לעאפאלד צונץ און אברהם גייגער. קריטישע באציונג צו דער געשיכטלעכער טראדיציע, יידישע וויסנשאפט אין דער דייטשער שפראך (חכמת־היהדות). יידן אין דער דייטשער ליטעראטור: לודוויק בערנע און היינריך היינע.

## 3. די יידן אין פוילן אין דער תקופה פון די צעטיילונגען

די שווערע לאגע פון די פוילישע יידן אין 18־טן י. ה.; די יידן־פראגע אויף דעם 4־יאריקן סיים; רעפארם־פראיעקטן (פוילישע — בוטרימאוויטש, טשאצקי — און יידישע); די צווייטע צעטיילונג פון פוילן; דער אויפשטאנד פון קאשטשושקא; בערעק יאסעלעוויטש; דער יידישער פולק; זיין העלדישער קאמף ביי דער פארטיידיקונג פון פראגע; די פראגער שחיטה; שמואל זביטקאווער; די צעטיילונג פון די פוילישע יידן צווישן רוסלאנד, עסטרייך און פריסן.

## 4. דער „פרילינג פון פעלקער" (1848) און די צווייטע עמאנסיפאציע

די רעוואלוציאנערע באוועגונג אין איראפע אין 1848 יאר; די רעוואלוציע אין דייטשלאנד; גבריאל ריסער; די פארמעלע גלייכבארעכטיקונג פון די יידן אין די דייטשע און עסטרייכישע לענדער; די פאליטישע גלייכבארעכטיקונג פון די יידן אין פראנקרייך, איטאליע און ענגלאנד; דער אנטייל פון יידן אין פאליטישן, ווירטשאפטלעכן און קולטורעלן לעבן אין מערב־איראפע; פערדינאנד לאססאל, קארל מארקס, אדאלף קרעמיע, די ראטשילדס, בנימין דיזראעלי (לארד ביקאנספילד).

## 5. דער גרויסער יידישער צענטער אין רוסלאנד

ווי אזוי האט זיך געבילדעט דער רוסישער צענטער; די באציונג פון דער צארישער מאכט צו די יידן; די שווערע לאגע פון די רוסישע יידן אונטער דער הערשאפט פון ניקאלאי 1־טן. דער תחום המושב, די קאנטאניסטן; די יידישע קאלאניעס אין דרום־רוסלאנד; די אונטערדריקונג פון אנדערע פעלקער אין דער צארישער מלוכה.

די יידן אין קעניגרייך פוילן; אנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון דער רעגי־רונג; דער אויפשטאַנד פון 1831 יאָר; דער אָנטייל פון יידן אין דעם אויפשטאַנד; דער פּעריאָד פון פויליש־יידישער פאַרברידערונג; גראַף וויעלאָפּאָלסקי און די חעבטלעכע עמאַנסיפּאַציע פון די פוילישע יידן, חסידים און משכילים; בעריש מייזעלעס און די פּאַטריאָטישע יידישע סטודענטן; פון דער ראַבינער־שול; דער אָנטייל פון די יידן אין די פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציעס; דער אויפשטאַנד פון 1863 יאָר און דער יידישער אָנטייל.

## 6. די השכלה־באַוועגונג אין רוסלאַנד און אין פּוילן

די ווירקונג פון דער עמאַנציפּאַציע־באַוועגונג אין מערב־אייראָפּע אויף די רוסישע יידן, יצחק בער לעווינזאָן — דער פאָטער פון דער רוסישער השכלה; דאָס אויפקומען פון דער נייער העברעישער ליטעראַטור: אברהם מאפו און מיכה יוסף לעבענזאָן; די רעפאָרמען פון אַלעקסאַנדער דעם 2־טן; דער אָנטייל פון יידישע סוחרים און באַנקירן אין דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד און פון קעניגרייך פוילן; די באַרייכערונג פון דער יידישער בורזשואַזיע און די פויפעריזאַציע פון די יידישע מאַסן; די פּראָגרעסיווע השכלה־ליטעראַטור אין יידיש; איזיק מאיר דיק און ישראל אַקסענפעלד; פּרעסע ליטעראַטור אין העברעיש און אין יידיש, דער „קול מבשר" פון דער יידישער ליטעראַטור שלום יעקב אבראַמאָוויטש (מענדעלע מו"ס), זיין סאָציאַלע סאַטירע.

## 7. אנטיסעמיטיזם אין מערב־אייראָפּע און פּאָגראָמען אין רוסלאַנד

די רעאַקציע פון דער מערב־אייראָפּעישער קריסטלעכער געזעלשאַפט קעגן דער השפעה פון דער ייד. בורזשואַזיע אויף דער ווירטשאַפט, פּאָליטיק, פּרעסע און ליטעראַטור; די דייטשע אַנטיסעמיטישע באַוועגונג: מאַרר, שטעקער, דיורינג און די דייטשע אַנטיסעמיטישע ליגע; די באַנייונג פון מיטלאַלטערלעכע עלילת־דם־פּראָצעסן אין דייטשלאַנד און אין אונגאַרן; דער אַנטיסעמיטיזם אין פראַנקרייך; דער דרייפוס־פּראָצעס; דער קאַמף פון די ליבעראַלן קעגן דעם אַנטיסעמי־טיזם; זאָלאַ און זיין ראָל אין דעם דרייפוס־פּראָצעס.

די פּאָליטישע רעאַקציע אין רוסלאַנד אין דער צייט פון אַלעקסאַנדער דעם 3־טן און ניקאָלאַי דעם 2־טן; דער צוריקקער צום ניקאָלאַיִשן רעזשים; די פּאָגראָמען אויף יידן אין אוקראַאינע אין די יאָרן 1881 — 1882; די „מאַי־געזעצן" פון 1882, גירוש מאָסקווע 1891; עקאָנאָמישע רדיפות און רעכטלאָזיקייט.

## 8. די גרויסע עמיגראַציע לעבר־הים און קיין ארץ־ישראל

דער יידישער ישוב אין אַמעריקע; די מאַסן־עמיגראַציע פון רוסלאַנד, פּוילן, גאַליציע און רומעניע; די ענדערונג אין דער סאָציאַלער סטרוקטור פון אַמעריקאַנער יידנטום, די שווערע לאַגע פון די עמיגראַנטן אין דער ערשטער צייט; בירגערלעכע און פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיקונג, שנעלער וווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג; דער גרויסער אָנטייל פון אַמעריקאַנער יידנטום אין דעם לעבן פון לאַנד.

קלענערע ישובים אין קאַנאַדע, אַרגענטינע און דרום־אַפֿריקע; יידישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע (באַראָן הירש — ייקא); די לאַנדסלייט־חברות; די פּראָפֿעסיאָנעלע און קולטורעלע פֿאַרבאַנדן פֿון יידישע אַרבעטער; דער „אַרבעטער־רינג"; דאָס אויפֿקומען פֿון יידישער פּרעסע ליטעראַטור און טעאַטער;

די „בילו"־באַוועגונג צווישן דער יידישער אינטעליגענץ אין רוסלאַנד; ליליענבלום און פּינסקער; די ערשטע יידישע קאָלאָניעס אין פּאַלעסטינע (ראשון לציון, זכרון יעקב); די חובבי ציון; די קאָלאָניזאַטאָרישע טעטיקייט פֿון באַראָן עדמונד ראָטשילד; דער צופֿלוס פֿון די נייע וואַנדערער אין די אַלטע שטעט; חלוקה — יידן און חלוצים.

## 9. סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַוועגונגען

דער ערשטער יידישער סאָציאַליסטישער קרייז אין לאָנדאָן (א. ליבערמאַן, א. זונדעלעוויטש א"א). די אַנטשטייונג פֿון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד, ליטע און פּוילן („בונד") אין 1897 יאָר. פּראָגראַם פֿון „בונד": סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַפֿרייונג פֿון די יידישע מאַסן אין „גלות". מעדעם. די בונדישע זאַמל־דרוזשינעס און זעלבסטשוץ. אָפּזונדערונג פֿון דעם לאַנד־פּראָלעטאַריאַט. די אַנטשטייונג פֿון פּאָליטישן ציוניזם. טעאָדאָר הערצל און זיין „יודען־שטאַט". דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל און זיין פּראָגראַם (1897). דער ווייטערדיקער וווּקס פֿון ארץ־ישראלדיקן ישוב. די ניי־העברעישע שפּראַך. די טעריטאָריאַליסטן (ישראל זאַנגוויל). די פֿאָלקס־פּאַרטיי און איר פּראָגראַם — נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע אין דער יידישער שפּראַך. שמעון דובנאָוו. די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פּועלי־ציון. בער באָראָכאָוו.

דער איינפֿלוס פֿון דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַוועגונג אויף דער יידישער קולטור. דער אויפֿבלי פֿון דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור: מענדעלע מ"ס, שלום־עליכם, י. ל. פּרץ, אחד העם, ח. נ. ביאַליק. די יידישע און העברעישע פּרעסע „הצפירה", „פֿאָלקסצייטונג", „פֿריינד" און „היינט". רוסיש־יידישע וואָכנבלעטער.

די צווייטע כוואַליע פֿון פּאָגראָמען — און ענטפֿער פֿון דער צאַרישער מאַכט אויף דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. הירש לעקערט. דער אָנטייל פֿון יידישע סאָציאַליסטן אין דער רעוואָלוציע פֿון 1905 יאָר. יידישע סאָציאַליסטן אין דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. „בונד" און פּ. פּ. ס. אין פּוילן. די רעאַקציע אין די יאָרן 1906—1914. דער בײליס־פּראָצעס (1913).

## 10. די ערשטע וועלט־מלחמה, די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און דער בירגער־קריג

דער אויסברוך פֿון דער וועלט־מלחמה אין 1914. די טראַגישע לאַגע פֿון די רוסישע און פּוילישע יידן בעת דעם וועלט־קריג. די פֿעברואַר־רעוואָלוציע. דער דעקרעט פֿון דער ציטווילישער רעגירונג וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פֿון אַלע

בירגער. די „רויטע עמאנסיפאציע" אין רוסלאנד. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע — איר באַדייטונג פאר דער מענטשהייט בכלל און פאַרן יידישן פאָלק בפרט. דער קאמף פון דער סאָוויעטישער מאכט מיט דער אויסלענדישער אינטערווענץ און מיט די צארישע גענעראלן. די גרויזאמע פּאָגראָמען אויף יידן אין אוקראינע בעת דעם בירגער־קריג. פּעטליורא און די „הײדאמאטשיזנע". דער זיג פון דער ראטנמאכט און די רעטונג פון דעם יידישן צענטער אין רוסלאנד. פארבאנד פון סאציאליסטישע מלוכות אויפן שטח פון געוועזענעם צארישן רוסלאנד. דער קאמף מיט דער יידישער רעאקציע אין ראטן־פארבאנד. דער אנהייב פון יידישער מלוכהשאפט אין ראטן־פארבאנד.

## 11. דאָס יידישע פאָלק צווישן ביידע וועלט־מלחמות

דער ווערסאלער טראקטאט. דער טראקטאט וועגן די רעכט פון נאציאָנאלע מינדערהייטן.

## א) די יידן אין פוילן

פאָרמעלע גלייכבארעכטיקונג און אנטיסעמיטישע פראקטיק. דער זיג פון דער רעאקציע אין פוילן. דער קאמף פון די יידישן מאסן פאר זייערע ווירטשאפטלעכע, פּאָליטישע און קולטורעלע פּאָזיציעס. די ווירקונג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אויפן אַלוועלטלעכן ארבעטער־קלאס. דער קאָמינטערן. די רעוואָלוציאָניזירונג פון די יידישע מאסן אין פוילן און זייער אינטערנאציאָנאלע פאַרבינדונג מיטן גאנצן לאנד־פּראָלעטאריאט. דער פארשארפטער פארטיי־קאמף אויף דער יידישער גאס. די קאָמוניסטישע באַוועגונג צווישן די יידישע מאסן. נפתלי באָטווין.

דער קולטור־קאמף. דאָס יידישע און העברעישע שולוועזן: ציש"אָ און תרבות. דער גרויסער וווּקס פון דער יידישער קולטור אין פוילן. די שעפערישקייט און אייגנאַרטיקייט פון דעם פּוילישן ישוב.

## ב) די יידישע קיבוצים אין ליטע, לעטלאנד און עסטלאנד

די ברייטע יידישע אויטאָנאָמיע אין עסטלאנד און אין ליטע. די אָפּשאפונג פון דער אויטאָנאָמיע נאכן זיג פון דער דיקטאטור.

## ג) די יידן אין ראטן־פארבאנד

די פּראָדוקטיוויזירונג פון די יידישע מאסן. די ענדערונג פון זייער סאציאַל־ווירטשאפטלעכער סטרוקטור. דער אקטיווער אנטייל פון די יידן אויף אלע געביטן פון סאָוויעטישן לעבן. ביראָבידזשאַן. דער אויפבלי פון דער יידישער וויסנשאפט און ליטעראטור — בערגעלסאָן, מארקיש.

## ד) דער אמעריקאַנער ישוב

די באַגרענעצטע עמיגראַציע. די ווירטשאַפטלעכע קראַפט פון דעם אַמע־ריקאַנער ישוב. דאָס יידישע קולטור־לעבן אין אַמעריקע. די הילף פון אַמערי־קאַנער יידנטום פאַר אַנדערע יידישע קיבוצים. דער „דזשאָינט".

די טענדענצן פון נאַציאָנאַלער שעפערישקייט און פון אַסימילאַציע אין אַמעריקע און אין ראַטן־פאַרבאַנד אין ליכט פון אַנאַלאָגישע פּראָצעסן אין דער יידישער געשיכטע בכלל.

## ה) דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל

די באַלפור־דעקלאַראַציע (1917). ענגלישער מאַנדאַט. יידן און אַראַבער. דער קאַמף פאַר פרייער עליה און פאַר אַ פרייען באַדן־קויף. די פאַרשטאַרקטע אימיגראַציע. די ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע עקספּאַנסיע פון דעם ישוב. דער אוניווערסיטעט אין ירושלים. די יידישע אַגענץ. די העברעיזאַציע פון דעם יידישן קולטור־לעבן אין ארץ־ישראל. די פּאָליטיק פון דער מאַנדאַט־מאַכט — אַ שטערונג פאַרן וווּקס פונעם ישוב.

## ו) די יידן אין דייטשלאַנד

די וויימאַרער רעפּובליק. די גלייכבארעכטיקונג פון די דייטשע יידן. די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי. די ראַסן־טעאָריע און דער אַנטי־סעמיטיזם. היטלער ביי דער מאַכט. די נירנבערגער געזעצן. דער אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

ז) די אַזוי גערופענע „יידן־פראַגע" און איר לעזונג אין גייסט פון אינ־טערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם.

## ז) אַלגעמיינע געשיכטע (לויטן מלוכה־פּראָגראַם)

דער פּראָגראַם פון אַלגעמיינער (מיט פּוילישער) געשיכטע אין 8־טן קל. גיט אַ ברייטן וויסנשאַפטלעכן בילד פון דער נייער און נייעסטער פּאָליטישער וועלט־געשיכטע אויפן פאָן פון דער ווירטשאַפטלעך־סאָציאַלער אַנטוויקלונג מיט אַ ספּעציעלער באַריקזיכטיקונג פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג און פון די נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־קאַמפן. ער באַשטייט פון די פאָלגנדיקע זעקס קאַפּיטלען:

1) די צעפאַלונג פון דער אַלטער און די אַנטשטייאונג פון אַ נייער אָרדענונג אויף מערב, 18 י. ה.;

2) די צייטן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און פון דער ערשטער אימפּעריע, 1789 — 1815;

3) אייראָפּע אין דעם פּעריאָד פון אינדוסטריאַליזאַציע און ליבע־ראַליזם 1815 — 1848;

4) די תקופה פון קאפיטאליזם און פון נאציאנאל־סאציאלע באוועגונגען; 1848 — 1871;

5) די תקופה פון אימפעריאליזם; דער קאמף פאר דער צעטיילונג פון דער וועלט מיט איירע אוצרות 1871 — 1919;

6) די וועלט צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה 1919—1939.

מיר וועלן איבערגעבן בקיצור די ערשטע דריי טעמעס און גענוי די לעצטע דריי.

## א) די צעפאלונג פון דער אלטער און די אנטשטייונג פון א נייער ארדענונג אויף מערב 18 י. ה.

1. די גרויסע אינדוסטריעלע רעוואלוציע אין ענגלאנד;

2. נייע קרעפטן ווערן רייף צום קאמף מיט דער אלטער ארדענונג;

3. דער פרווו פון די פאריניקטע שטאטן אויפצובויען דאס קאלעקטיווע לעבן אויף נייע, מלוכהשע יסודות;

## ב) צייטן פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע און פון דער ערשטער אימפעריע 1789 — 1815

1. די גרויסע רעוואלוציע; 2. די לעצטע יארן פון דער פוילישער מלוכה;

3. נאפאלעאן אין אייראפע — די ליקווידאציע פון דער אלטער ארדענונג.

## ג) אייראפע אין דעם פעריאד פון אינדוסטריאליזאציע און ליבעראליזם 1815 — 1848

1. די צייטן פון רעסטאוראציע — די הערשאפט פון דער רעאקציע און די פרייהייט־באוועגונגען.

2. די בורזשואזיע פארפעסטיקט איר מאכט אין די ראמען פון קאנסטיטוציאנעלע מאנארכיעס;

3. דאס געזעלשאפטלעך־פאליטישע לעבן אויף די פוילישע געביטן.

## ד) די תקופה פון קאפיטאליזם און פון נאציאנאל־סאציאלע באוועגונגען 1848 — 1871

1. דער פרילינג פון פעלקער;

2. נאציאנאלע פאריניקונג און אנטשטייאונג פון נייע מלוכות;

3. די פארפעסטיקונג פון דער קאפיטאליסטישער ארדענונג אין מערב־אייראפע.

די אנטשטייאונג פון דער ענגלישער וועלט־מאכט; דער טעכנישער פאר־שריט און די אנטוויקלונג פון קאפיטאליסטישע פראדוקציע־פארמען אין ענג־

לאַנד; די אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל, בענק; דער קאַמף פאַר די וועלטמערק; דער קאָלאָניאַלער כאַראַקטער פון דער ענגלישער מאַכט; די אינדוסטריאַליזאַציע פון אייראָפּעישן קאָנטינענט; די גרוים און די לאַגע פון דעם אַרבעטער־קלאַס; קאַרל מאַרקס און דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל.

4. די לענדער פון צענטראַל־ און מזרח־אייראָפּע ערב דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. די ענדערונג פון דער אַגראַרישער סטרוקטור אַלס גרונט־לאַגע פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג; אַגראַר־לענדער און אינדוסטריע־לענדער; דער אויפשטאַנד פון 1863 אין פּוילן.

## ה) די תקופה פון אימפּעריאַליזם 1871 — 1919

1. די פאַרשאַרפונג פון נאַציאָנאַלע און קלאַסן־סתירות. דאָס פּוילישע פאָלק אין קאַמף פאַר זיין נאַציאָנאַלן קיום; די פּאַריזער קאָמונע; דער פּאַרלאַמענטאַרישער סיסטעם; די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין אייראָפּע און אַמעריקע; עס וואַקסט דאָס זעלבסטבאַוווסטזיין פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג; סאָציאַלע דערגרייכונגען, פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אייראָפּע און אין פּוילן; די רעוואָלוציע פון 1905 אין רוסלאַנד; פּוילן אונטער פרעמדער הערשאַפט; דער דייטשער נאַציאָנאַליזם; און דער קאַמף פאַר די מערב־געביטן; די סעזאָן־עמיגראַציע און די עמיגראַציע לעבר מים.

2. די וועלט — אַ ווירטשאַפטלעכע גאַנצקייט — טעכנישע דערפינדונגען און זייער אַנווענדונג; דאָס פּראָבלעם פון רוישטאָפן; די אַנטוויקלונג פון דער דייטשער אינדוסטריע; דייטשלאַנד טרעט אַריין אין דעם אימפּעריאַליסטישן קאַמף; דער ווירטשאַפטלעכער אויפבלי און די עקספּאַנסיע פון די פאַראייניקטע שטאַטן; דער אינטערנאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל; די אימפּעריאַליסטישע סתירות.

3. די אייראָפּעישע עקספּאַנסיע און דער „באַוואָפנטער שלום" — די קאָלאָניאַלע פּאָליטיק פון ענגלאַנד, פראַנקרייך, אַמעריקע און דייטשלאַנד; די בריטישע אימפּעריע; די דאָמיניעס; די רוסישע עקספּאַנסיע אין אַזיע; די רוסיש־ענגלישע ריוואַליזאַציע און דער וווּקס פון מיליטאַריזם און באַוואָפענונגען).

4. די ערשטע וועלט־מלחמה — די מיליטערישע קאָנסעקווענצן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע; די באַפרייונג פון פּוילן; דער ווערסאַלער טראַקטאַט; די פעלקער־ליגע; זעלבסטבאַשטימונג פון פעלקער.

5. די גרויסע אָקטאָבער־רעוואָלוציע — די פעברואַר־רעוואָלוציע און די ליקווידאַציע פון דער צארישער מאַכט; די ציטווייליקע רעגירונג; דער אַרבעטער־ראַט אין פּעטראָגראַד; דער וווּקס פון די נאַציאָנאַלע פרייהייטס־באַוועגונגען און פון די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען אין לאַנד און אויפן פראָנט; דער באַוואָפנטער אָקטאָבער־אויפשטאַנד אין פּעטראָגראַד און אין מאָסקווע; דער 2־טער צוזאַמענפאָר פון די ראַטן; די אַנטשטייאונג פון דעם מלוכה־אַפּאַראַט פון דער ראַטן־מאַכט; דער 3־טער צוזאַמענפאָר פון די ראַטן; די ערשטע שריט פון דער סאָציאַליסטישער בויונג; די היסטאָרישע באַדייטונג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

## ו) די וועלט צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה 1919 — 1939

די אינטערווענץ און דער בירגער־קריג אין רוסלאַנד; דער קאַמף פאַר די גרענעצן פון פּוילן; די ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע קאָנסעקווענצן פון דער וועלט־מלחמה; די ראָל פון אַמעריקע; די שטרעבונג צו זעלבסטשטענדיקייט אין די אויסער־אייראָפּעישע לענדער; דער אָנהויב פון דער פאַשיסטישער באַוועגונג; דער „נאַציאָנאַלער סאָציאַליזם"; דער ראַטן־פאַרבאַנד, זיין סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע סטרוקטור; די פּוילישע רעפּובליק, אירע וויכטיקסטע סאָציאַלע, ווירטש. און פּאָליטישע פּראָבלעמען; דער קריזיס פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער אָרדענונג און דער וווּקס פון דיקטאַטאָרישע טענדענצן; טעכנישע דערפינדונגען און פאַרפּולקאָמונגען (ראַדיאָ, אַוויאַציע, מאָטאָריזאַציע); די פּרוּוון פון אַ פרידלעכער אינטערנאַציאָנאַלער צוזאַמענאַרבעט; דער ווירטשאַפטלעכער וועלט־קריזיס; די יאַפּאַנער אין כינע; היטלער קומט צו דער מאַכט; דער אָנפאַל אויף אַביסיניען; דער בירגער־קריג אין שפּאַניען; דייטשלאַנד גרייט זיך צו ברעכן דעם ווערסאַלער טראַקטאַט; די אַנעקסיע פון עסטרייך און די אָקופּאַציע פון טשעכיען; די דייטשע באַוואָפענונגען און די פאַרפּולקאָמונג פון דער מיליטערישער טעכניק.

## ז) דער לימוד וועגן פּוילן און וועגן דער הײַנטיקער וועלט (לויטן מלוכה־פּראָגראַם)

דער דאָזיקער לימוד פאַרנעמט דעם אויבן־אָן אין דעם מלוכה־פּראָגראַם און קאָנצענטרירט אין זיך די וויכטיקסטע עלעמענטן פאַר דער נאַציאָנאַלער, דעמאָקראַטישער און בירגערלעכער דערציִונג. ער באַשטייט פון פאָלגנדיקע פינף קאַפּיטלען:

1. ווי אַזוי איז אַנטשטאַנען די איצטיקע (סאָציאַל־עקאָנאָמישע) וועלט?

אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל ווערט געגעבן אַן אַלגעמיינער סכעמאַטישער איבערבליק איבער דער פּאָליטישער געשיכטע פון אייראָפּע פון דעם אַלטן רעזשים אין פראַנקרייך ביז דער לעצטער וועלט־מלחמה איינשליסלעך.

2. דאָס אָרט פון פּוילן אין דער וועלט.

דער דאָזיקער אַרטיקל באַהאַנדלט סינטעטיש די געשיכטע פון פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

3. דער זיג פון דער דעמאָקראַטיע — פּוילן קערט זיך אום אין דער משפּחה פון פרייע פעלקער.

אַן אַלגעמיינער איבערבליק איבערן פאַרלויף פון דער לעצטער וועלט־מלחמה אין איר פּוילישן אַספּעקט.

4. די קאַרדינאַלע פּראָבלעמען פון דער הײַנטיקער וועלט.

# א. סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען

געזעלשאַפֿט; עוואָלוציע פֿון די פּראָדוקציע־פֿאָרמען; טיפּן פֿון סאָציאַלע פֿאַרבינדונגען: פֿאָלק, קלאַס, קולטורעלע, רעליגיעזע און אידעאָלאָגישע פֿאַרבאַנדן; גרונט־באַגריפֿן פֿון פּאָליטישער עקאָנאָמיע; פֿאָרמען פֿון אייגנטום; קאָאָפּעראַציע, קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם; וויסנשאַפֿטלעכער סאָציאַליזם; טענדענצן פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג און דער קריזיס פֿון קאַפּיטאַליזם; אימפּעריאַליזם; די אַרבעטער־באַוועגונג; די פּויערים־באַוועגונג און דער קאַמף פֿאַר דער אַגראַר־רעפֿאָרם; נאַציאָנאַלע באַוועגונגען און ווייטערע סאָציאַל־ווירטשאַפֿטלעכע טרייבקרעפֿטן; פּלאַנווירטשאַפֿט; פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכונג פֿון דער פּראָדוקציע און פֿון די פּראָדוקציע־מיטלען.

ב. רעכטלעך־קאָנסטיטוציאָנעלע פּראָבלעמען פֿון דער היינטיקער וועלט:

קאָדעקס פֿון געזעצן; מלוכה־רעכט; קאָנסטיטוציע; אינטערנאַציאָנאַלע רעכט; אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן; מאָדערנע מלוכה־טעאָריעס; די סאָציאַליסטישע מלוכה־טעאָריע; דירעקטע און אומדירעקטע דעמאָקראַטיע; היסטאָרישע עוואָלוציע פֿון מלוכה־פֿאָרמען; רעפּרעזענטאַציע, וואַלרעכט, פּאַרלאַמענט; רעפֿערענדום און געזעצגעבערישע פֿאָלקס־איניציאַטיוו; די פֿאָרמען פֿון פּאַרלאַמענטאַריזם אין אַ היסטאָרישן איבערבליק.

4. די מאָדערנע מלוכה:

פּאַרלאַמענטאַריש־דעמאָקראַטישע מאָנאַרכיע און פּאַרלאַמענטאַריש־דעמאָקראַטישע רעפּובליק; פֿאַשיסטישע קאָרפּאָראַטיווע מלוכה; סאָציאַליסטישע דעמאָקראַטיע; איבערגאַנגס־פֿאָרמען; דעמאָקראַטיזאַציע פֿון די מאָדערנע מלוכות; די סאָציאַלע פּאָליטיק פֿון די מאָדערנע מלוכות (סאָציאַלע פֿאַרזאָרגונג); רעכט אויף אַרבעט; רעכט אויף קולטור; פֿאַרשידענע טיפּן פֿון די היינטיקע דעמאָקראַטיעס; די קאָנסטיטוציעס פֿון די היינטיקע פֿירנדיקע דעמאָקראַטיעס.

5. דאָס היינטיקע פּוילן.

דער דאָזיקער קאַפּיטל גיט אַן אויספֿירלעכע באַשרייבונג פֿון דער ווירטשאַפֿטלעך־פּאָליטישער און אַדמיניסטראַטיווער סטרוקטור, ווי אויך פֿון דער אויסלענדישער פּאָליטיק פֿון היינטיקן פּוילן אין פֿאָלגנדיקע פֿינף פּאַראַגראַפֿן:

1. דאָס לאַנד און די באַפֿעלקערונג;
2. די געזעלשאַפֿטלעך־ווירטשאַפֿטלעכע רעפֿאָרם;
3. די פּאָליטיש־אַדמיניסטראַטיווע סטרוקטור;
4. און 5. די אויסלענדישע פּאָליטיק.

# ביילאגע

## א. מאנאטלעכע דערציונגס־פלענער

הגם די דערציערישע ארבעט אין אלגעמיינעם גענומען שטעלט פאר מיט זיך א המשכדיקן פראצעס, אין וועלכן אלע פאקטארן דרינגען זיך קעגנזייטיק דורך און זיינען אויפן ענגסטן אופן צווישן זיך פארבונדן. פונדעסטוועגן לאזן זיך אויסטיילן אין דעם דאזיקן פראצעס באשטימטע קאנקרעטע עלעמענטן, וועלכע קענען סיסטעמאטיש פלאנירט ווערן פארויס און צוגעפאסט ווערן צו די לויפנדיקע אקטועלע מאמענטן פון דער שול־ארבעט; דאס זיינען פארשידענע יום־טובים און פייערלעכקייטן. קלאסן־פארזאמלונגען און קלאסן־שמועסן, ספעציעלע קלאסן־אקציעס, אינדיווידועלע און קאלעקטיווע שמועסן מיט עלטערן און אנד. ס'איז דורכויס געווונטשן און נויטיק, אז יעדער לערער — בפרט יעדער קלאסן־דערציער — זאל זיך אנמערקן אזא מין קאנקרעטן פראגראם פון דערציערישער ארבעט אויף יעדן לויפנדיקן חודש פארויס (אין די קאנצענטראציע־קלאסן — אויף יעדן קווארטאל). די דאזיקע מאנאטלעכע דערציונגס־פלענער דארפן אריינגעשריבן ווערן אין די קלאסן־זשורנאלן, אדער איבערגעגעבן ווערן שריפטלעך דעם פארוואלטער. דאס וועט אן שום ספק אריינברענגען דורכגעטראכטקייט און פלאנמעסיקייט אין אונדזער דערציונגס־ארבעט.

ווייטער ווערן געבראכט, אלס ביישפיל, פיר דערציונגס־פלענער פון דער לאדזשער פרץ־שול.

### דערציונגס־פלאן פארן 2־טן קל. אויפן חודש מערץ 1947
### קלאסן־דערציערין — ב. וויינשטיין.

1. קלאסן־פארזאמלונגען (וועלן פארקומען איין מאל א וואך — פרייטיק).

א. ערנסטע באציונג צו דער שול און צו דער ארבעט — באזוכן פינקטלעך די שול, נישט פארשפעטיקן, נישט דורכלאזן קיין איין טאג אן אן ערנסטער סיבה, גרייטן פינקטלעך די לעקציעס: פינקטלעך אריינגיין אין קלאס נאכן גלאק.

ב. זעלבסטעטיקייט פון די קינדער — צוזאַמען מיט דער ווירטשאַפט־קאָמיסיע אַריינציען דעם גאַנצן קלאַס אין אָפּפרישן דאָס אויסזען פון דעם קלאַסן־צימער נאָך די ווינטער־פעריען; אויפזאַמלען געלט אויף איינצוקויפן בילדלעך, קויפן העפטן פאַר אומפאַרמעגלעכע חברים; אויסהעלפן זיי מיט בילעטן ביי א באַזוך אין טעאַטער אָדער קינאָ; ברענגען קריעה און בלומענטעפּלעך אויף א גערטעלע אין קלאַס.

2) אויפפירונג בעת דער הפסקה.

פאַרהאַלטן זיך נישט טומלדיק; אַכטונג געבן ביים שפּילן נישט א שטויס צו געבן קיינעם; נישט לויפן האַסטיק און נישט אומוואַרפן קיינעם; באַגריסן א לערער ווען ער גייט פאַרביי; אָרגאַניזירן גוט דעם פרישטיק אויף דער צווייטער פויזע.

3. היגיענע פון שילער.

קאָנטראָלירן יעדן טאָג די ריינקייט פון די קינדער מיט דער הילף פון דער סאַניט. קאָמיסיע; שמועס וועגן וואַשן זיך (אין צוזאַמענהאַנג מיטן נאָענטן פרילינג); זאָרגן וועגן דעם עסטעטישן אויסזען פון די קינדער: באַמערקונגען בנוגע מלבושים, שיך, האָר — די האָר שערן קורץ; קאָנטראָלירן די העפטן, ביכער אין די טעקעס; לופטערן דעם קלאַס.

## דערציונגס־פּלאַן אויפן קוואַרטאַל אַפּריל—יוני פאַרן 2־טן קלאַס

**קלאַסן־דערציערין — ק. בלומענפעלד.**

1. ווייטערדיקע פאַרפעסטיקונג פון שול־רעזשים.

א. אָרגאַניזירן דעם פרישטיק;

ב. פּינקטלעך קומען אין שול (אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַריבערטראָגן דעם אָנהויב פון די לעקציעס אויף 8 אַזייגער);

ג. סיסטעמאַטיש צוגרייטן די לעקציעס (באַריכט; קאַמף מיטן פאַרגעסן צו ברענגען די שול־מכשירים, ביכער און העפטן)

2. פּערזענלעכע און אַלגעמיינע היגיענע.

א. קאָנטראָלירן די ריינקייט פון די קינדער (האָר, הענט, האַלדז, מל־בושים און שיך) דורך דער סאַניטאַר־קאָמיסיע אונטער דער אויפזיכט פון דער דערציערין.

ב. וואַשן דעם קערפּער; די הענט, די ציין (קאָנטראָלירן די ציין־בערש־טעלעך און די נאָז־טיכלעך).

ג. רעגלמעסיק זיצן אויף די לעקציעס, ריכטיקע קערפּער־האַלטונג ביים שרייבן.

3. קולטורעלע האַלטונג אין שול און אויף דער גאַס.

א. באַגריסן עלטערע, אויפשטיין ווען אַן עלטערער מענטש גייט אַריין אין קלאַס.

ב. אין טראַמוויי אָפּטרעטן דעם פּלאַץ אַן עלטערן אָדער אַ שוואַכן מענטש.

ג. געהעריקע האַלטונג אויף פייערלעכקייטן, אין זאַל, אין טעאַטער, קינאָ.

4. די אַנטוויקלונג פון סאָציאַלע געפילן.

א. קאָלעקטיווע אַרויסגעבן וואַנט־צייטונגען, לאָזונגען צו פייערלעכקייטן.

ב. העלפן שוואַכע שילער פון פאַרשידענע לימודים, פּראַקטיש אָרגאַניזירן די דאָזיקע הילף באַשטימען די „לערער" און די „שילער".

ג. איבן און פאַרטיפן די חברישע געפילן (פּאַסיקע לעקטור, שמועסן).

ד. אַרויסגעבן קלאַסן־צייטונגען צום טאָג פון וואַרשעווער אויפשטאַנד און צום טאָג פון דער מוטער.

ה. קאָנטראָלירן די אַרבעט פון די אָרדנער.

5. מיטאַרבעט מיט די עלטערן:

א. אַן עלטערן־פאַרזאַמלונג: אַרומרעדן די רעזולטאַטן פאַרן 3־טן און 4־טן קוואַרטאַל; די פראַגן פון שטוביקער אַרבעט (לעקציעס) און פון טעגלעכן רעזשים (שלאָף).

ב. קאָרעספּאָנדירן מיט עלטערן פון ניש דיסציפּלינירטע און אָפּגעשטאַנענע קינדער.

ג. אויפנעמען די עלטערן איין מאָל אין וואָך (זונטיק) און געבן זיי אינפאָרמאַציעס און אָנווייזונגען.

6. מיטאַרבעט מיטן שול־דירעקטאָר און מיטן פּסיכאָלאָג.

7. נאַציאָנאַלע דערציִונג — אָנטייל אין נאַציאָנאַלע יום־טובים: פּורים, פּסח, ל"ג בעומר און אין דער פּרי־אַקאַדעמיע.

8. דאָס לעבן אין לאַנד — שמועסן און פייערלעכקייטן אין צוזאַמענהאַנג מיט די טעג פון וואַלד, פון ים, פון די מערב־געביטן, פון 1־טן און 9־טן מאַי.

9. פאַראינטערעסירן די קינדער מיטן ייִדישן לעבן אין דער וועלט — לעקטור און שמועסן וועגן ראַטן־פאַרבאַנד, אַמעריקע, פּאַלעסטינע.

## יערלעכער דערציִונגס־פּלאַן פאַרן 5־טן קלאַס

**(אויסצוג: די ווינטער־פעריען אין דעם חודש יאַנואַר 1947)**

**קלאַסן־דערציִער — ברעגמאַן**

1. ווינטער־פעריען.

א) עפענען פאַר די קינדער אַ לייען־זאַל צו לייענען 3 מאָל אַ וואָך אונטער מיין אויפזיכט;

ב. אַלגעמיינע שמועס וועגן אַן איבערגעלייענטן בוך;

ג. באַזוכן 1 מאָל אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג. שמועסן פאַרן באַזוך און נאָכן באַזוך;

ד. גיין מיטן קלאס אויף א צוגעפאסטן פילם;

ה. אן אויספלוג אין דער היסטארישער קאמיסיע;

ו. באזוכן דאס קינדער־היים אין העלענעוועק.

2. נאך די ווינטער־פעריען.

א. א שמועס וועגן די פעריען;

ב. איינשטעלן די ארבעט פון די קלאסן־קאמיסיעס;

ג. ארויסלאזן א וואנט־ציי‍טונג. טעמעס: די וואלן צום סיים; ווי אזוי האב איך פארבראכט די פעריען; וואסער פון די געלייענטע ביכער געפעלט מיר אמבעסטן און פארוואס;

4. די וואלן אין לאדזש;

5. די באפרייונג פון ווארשע און לאדזש;

6. לעגינס יארצייט; א שמועס וועגן לעגינען.

## דערציונגס־פלאן פארן 7־טן קלאס אויפן חודש מאי 1947

### קלאסן־דערציערין — מגר. נ. איריסאן

1. קורצע שמועסן מיט די קינדער.

א) קורצע 10־מינוטיקע פרעסע־איבערזיכטן;

ב) א שמועס וועגן דעם 3־טן מאי, באטייליקן זיך אין דער אקאדעמיע;

ג) א שמועס וועגן דעם 9־טן מאי, ארויסגעבן א וואנט־ציי‍טונג;

ד) א שמועס וועגן ל״ג בעומר, דעם יונגנט־יום־טוב, דערקלערן זיין היס־טארישן כאראקטער, צוגרייטן און ארויסגעבן א וואנט־ציי‍טונג;

ה. א שמועס וועגן שבועות, דעם יום־טוב פון פאהרענדייקן דעם שניט, ווי אויך דעם זמן מתן תורהה — רעפעראט פון א שילער;

2. קלאסן־פארזאמלונג.

סדר היום: 1) לימוד און דיסציפלין פארן לעצטן קווארטאל; 2) קעגנ־זייטיקע הילף; 3) א רעפעראט פון א שילער אויף דער טעמע: ווי אזוי האב זיך געלערנט גרויסע מענטשן (א ביישפיל פון לעגינען).

3. באזוכן די עלטערן פון איינצלנע שילער און שמועסן וועגן די קינדער.

4. אויספלוגן:

א) ל״ג בעומר אין וואלד (מיט א רעפעראט וועגן בר כוכבאס אויפ־שטאנד);

ב) אין דער היסטארישער קאמיסיע;

ג) אין יידישן טעאטער.

# נאָכוואָרט

שוין נאָכן פאַרענדיקן דעם דערציונגס־פּלאַן זיינען פאָרגעקומען וויכטיקע געשעענישן, וועלכע האָבן אַ דירעקטע שייכות צו אונדזער שול־וועזן און צו אונדזער דערציערישער קאָנצעפּציע. די דאָזיקע געשעענישן זיינען אַזוי פאַרשידן לויט זייער וויכטיקייט און כאַראַקטער, אַז בכלל גענומען וואָלט מען זיי נישט גע־קאָנט פאַראייניקן אונטער איין קעפּל, אָבער אַזוי ווי איך באַטראַכט די דאָזיקע געשעענישן פון איין און דעם זעלביקן שטאַנדפּונקט, נעמלעך: פון זייער שייכות מיט אונדזער שול־אַרבעט, דעריבער האַלט איך פאַר מעגלעך צו באַהאַנדלען זיי צוזאַמען אין דעם דאָזיקן קורצן נאָכוואָרט.

די דאָזיקע געשעענישן זיינען:

1. דאָס אַריינטרעטן פון דער פּוילישער רעוואָלוציע אין אַ נייעם דעצי־דירנדיקן סאָציאַל־פּאָליטישן עטאַפּ, די אָרגאַנישע איינהייט פון דעם פּוילישן אַרבעטער־קלאַס און די שאַפונג פון אַן איינהייטלעכער אָרגאַניזאַציע פון דער שול־יוגנט;
2. די אַנטשטייונג פון דער מלוכה ישראל;
3. די אייראָפּעישע קולטור־קאָנפערענץ אין פּאַריז און
4. די פאַרמלוכהשונג פון אונדזערע שולן.

די לעצטע חדשים וועלן אַריינגיין אין דער געשיכטע פון פּוילן אַלס דער אָנהויב פון אַ נייעם דעצידירנדיקן עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פון דער פּוילישער רעוואָלוציע. נייע היסטאָרישע עטאַפּן ווערן נישט געבוירן פון היינט אויף מאָרגן. יעדער נייער עטאַפּ דאָס איז אַ היסטאָרישער אינטעגראַל, וועלכער סומירט אין רעזולטאַט פון אַ לאַנגן היסטאָרישן פּראָצעס דעם ס"ה און די דערפאַרונג פון אַ גאַנצער תקופה. אָבער אויף וויפל מיר פאַרבינדן נייע היסטאָרישע עטאַפּן מיט באַשטימטע פּערזענלעכקייטן און מיט קאָנקרעטע קאַלענדאַרישע דאַטעס, וועט דער נייער עטאַפּ פון דער פּוילישער רעוואָלוציע אַריינגיין אין די געשיכטע־ביכער אונטער דער דאַטע פון 31־טן אויגוסט 1948, ווען דער פּרעזידענט פון דער פּוילישער רעפּובליק און דער פירער פון פּוילישן אַרבעטער־קלאַס באָלעסלאַוו ביערוט איז אַרויסגעטראָטן אויפן פּלענום פון צ. ק. פון דער פּוילישער אַרבעטער פּאַרטיי מיט זיין היסטאָרישן רעפעראַט „וועגן דעם רעכטן און נאַציאָנאַליסטישן

אפגעווייג אין דער לייטונג פון דער פארטיי און וועגן די מיטלען ווי אזוי אים גורם צו זיין". אין דעם דאזיקן רעפעראט איז געקומען צום אויסדרוק די אביעקטיוו־געצייטיקטע נייע ווענדונג אין דער פוילישער רעוואלוציע און גלייכצייטיק האט דער דאזיקער רעפעראט דערפירט צום באוווסטזיין און פארפיקסירט אין דעם באוווסטזיין פון די פוילישע פאלקס־מאסן, אז דער צוגרייטונגס־עטאפ פון דער פוילישער רעוואלוציע, ווען ס'זיינען דערארבערט געווארן די רעצידירנדיקע ווירטשאפטלעכע און פאליטישע פאזיציעס פון דעם קאפיטאליסטיש־סאנאטארישן פוילן, איז שוין אפגעשלאסן געווארן, אז די פארבאדינגונגען פארן אויפבוי פון א סאציאליסטישן פוילן זיינען שוין געשאפן געווארן, און ס'איז שוין געקומען די צייט אנצוהייבן א קאנסעקווענטן און פלאנמעסיקן פארויס־מארש צום סאציאליזם.

אין ענגסטן צוזאמענהאנג מיט דער אנטוויקלונג פון דער פוילישער רעוואלוציע, וועלכע האט אין משך פון 4 יאר דורכגעמאכט דעם שטורמישן וועג פון דעם לובלינער מאניפעסט ביז צו דעם דערמאנטן רעפעראט פון פרעזידענט ביערוט, איז סטיכיש געוואקסן ביי די פוילישע ארבעטער־פארטייען דער דראנג צו ארגאנישער איינהייט. וואס בולטער ס'האבן זיך אנטפלעקט אין לויף פון די געשעענישן די פערספעקטיוו און דער וועג פון דער פוילישער רעוואלוציע — די פערספעקטיוו פון סאציאליזם און דער וועג פון קלאסן־קאמף — אלץ קלארער איז געווארן פאר די פוילישע ארבעטער־פארטייען, אז די ארגאנישע איינהייט אויף דער מארקסיסטיש־לענינישער באזע איז גלייכצייטיק א נאטירלעכער פועל־יוצא פון דער היסטארישער אנטוויקלונג און איז א נויטווענדיקער באדינג פארן ווייטערדיקן דערפאלגרייכן קאמף פון די פוילישע פאלקס־מאסן אונטער דער אנפירונג פון דעם רעוואלוציאנערן ארבעטער־קלאס. א דאנק אט דער דאזיקער באשטענדיקער אין די ארגאנישע איינהייט געווארן א געשעענער פאקט, און די פוילישע רעוואלוציע האט באקומען א שעפערישן און קאמפס־פעיקן אוואנגארד.

ס'דארף זיין קלאר פאר יעדן פעדאגאג און שול־טוער, אז דער נייער עטאפ פון דער פוילישער רעוואלוציע וועט פריער אדער שפעטער באקומען זיין אפקלאנג און זיין קאנקרעטן אויסדרוק אין פוילישן שול־וועזן. נאטירלעך, וועט עס נישט געשען פון היינט אויף מארגן. דער וועג פון דעם לעבן ביז דער שול, פון דער פאליטישער רעוואלוציע ביז דער פעדאגאגישער איז זייער א ווייטער און קאמפליצירטער און דעריבער וועט נאך אוועקגיין א לענגערע צייט, איידער די נייע ווירקלעכקייט וועט זיך אפשפיגלען אין א נייער סטרוקטור פון דער שול, אין נייע פראגראמען און אין נייע מעטאדן. פון דעם איז אבער בשום אופן נישט געדרונגען, אז ביז יענער צייט דארף די שול בכלל נישט רעאגירן אויף דער נייער ווענדונג אין אונדזער פאליטיש־געזעלשאפטלעכער ווירקלעכקייט. פארקערט, יעדער פעדאגאג, וועלכער לעבט מיטן פולס פון אונדזער צייט, וועט זיך שוין איצט באמיען אויסצונוצן יעדע פאסיקע געלעגנהייט אריינצוברענגען דעם אטעם פון אונדזער שטורמישער עפאכע אין דער שול. ס'איז קיין ספק נישט, אז אזעלכע מיטלען און וועגן קענען געפונען ווערן סיי אויפן געביט פון טאג־טעגלעכן שול־לעבן, סיי אין אלע אן אויסנאם לימודים. צום באדויערן איז אוממעגלעך אין די

ענגע ראַמען פון דעם דאַזיקן שלוס־וואָרט צו געבן אַן אויסשעפּנדיקן פּלאַן פון די דאָזיקע דערציִערישע און דידאַקטישע מיטלען. אין אַלגעמיינעם האַנדלט זיך וועגן דעם, אַז געוויסע עלעמענטן פון אונדזער לערנפּראָגראַם און געוויסע מאָמענטן פון אונדזער שול־לעבן זאָלן אַרויסגערוקט ווערן אויף אַ געהעריקן אָרט און באַהאַנדלט ווערן אין הסכם מיט דער נייער ווירקלעכקייט.

אַ פּאָר ביישפּילן אַלס אילוסטראַציע:

מ׳קאָן איינפירן פאַרמעסטונגען צווישן די קלאַסן, פון איין און דער זעלביקער שול אויף פאַרשידענע געביטן פון שול־לעבן (נאַטירלעך דאַרפן עס זיין אַזעלכע פאַרמעסטונגען, וועלכע שליסן אָביעקטיוו אויס די געפאַר פון מיסברויכן און פון שלעכטער אַרבעט), צום ביישפּיל פאַרמעסטונגען אין סיסטעמאַטישן און פּינקטלעכן באַזוך פון דער שול

אין דעם געשיכטע־לימוד, באַזונדערס אין דער געשיכטע פון גרויסע פאָלקס־באַוועגונגען און רעוואָלוציעס, דאַרפן אַרויסגערוקט ווערן אויף אַן אָנגעזעענעם אָרט די אַלע מאָמענטן און פּערזענלעכקייטן, וועלכע געהערן צו דער בונטאַרישער און אָפּטימיסטישער פאַרגעשיכטע פון דער היינטצייטיקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די סטיכישע קאַמפן פאַר סאָציאַלער גלייכקייט, וועלכע די פאָלקס־מאַסן האָבן געפירט אין די פאַרגאַנגענע צייטן אונטער די אָדער יענע נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע אָדער מאָראַלישע לאָזונגען, ווי אויך די פאַרשידענע אוטאָפּיסטישע קאָנצעפּציעס און טעאָריעס דאַרפן באַהאַנדלט ווערן אַ סך גרינטלעכער און ברייטער, ווי דאָס איז געווען ביז איצט. מ׳טאָר זיך נישט באַגרענעצן אויסשליסלעך מיט דער אָביעקטיוויזירנדיק־שאַבלאָנעלער אָפּשאַצונג פון די דאָזיקע באַוועגונגען פון שטאַנדפּונקט פון זייער היסטאָרישער פּריצייטיקייט, באַלויכטנדיק קריטיש די דאָזיקע באַוועגונגען, אונטערשטרייכנדיק זייער סטיכיש־עמאָציאָנעלן כאַראַקטער, זייערע נאַיווע „גלייכמאַכערישע" טענדענצן און זייער סובלימירטע־נאַציאָנאַלע אָדער רעליגיעזע פאָרם, דאַרף מען אָבער גלייכצייטיק פאַרהערלעכן די דאָזיקע שטורמישע אויפברויזן פון די פאָלקס־מאַסן, וועלכע סיגנאַליזירן פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט דעם אָנקומענדיקן גרויסן און ענדגילטיקן קאַמף פאַר דער באַפרייונג פון דער וועלט.

אין דעם לימוד פון אַריטמעטיק (אויפגאַבן) דאַרף מען מיט אַ ברייטער האַנט שעפּן די טעמאַטיק און די צאָלן פון די אַקטועלע פאַקטן און דערגרייכונגען פון אונדזער אויפבוי־פּראָצעס (די סטאַטיסטיק פון דעם 3־יאָר פּלאַן, פאַרגלייכן מיט דער פאַרמלחמהדיקער טעכניק און ווירטשאַפט און אנד.).

* * *

דער דראַנג צו דער אָרגאַנישער איינהייט האָט זיך מיט אַ נאַטירלעכער קאָנסעקווענץ אַריבערגעטראָגן פון דער ברייטער וועלט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אויפן אָפּשניט פון שול־וועזן און האָט דערמעגלעכט די אָרגאַנישע איינהייט פון דער שול־יוגנט. די שאַפונג פון דער איינהייטלעכער קינדער־אָרגאַניזאַציע

(„האַרצעוויש”) ליקווידירט די שפּאַלטונג אין די קינדער־רייען, מאַכט געזונט די אַטמאָספער אין דער שול, פאַרשטאַרקט דעם אויטאָריטעט פון דער שול און פון דעם לערער, גיט אַ מעגלעכקייט צו קאָנצענטרירן די אויסערשול דערציונג אויף אַלגעמיינע מלוכהשע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען און שאַפט אין יעדער שול אַ קינדער־אוואַנגאַרד, וועלכער איז באַרופן צו ווערן אַ מוסטער פון דיסציפּלינירטקייט און אַרבעטזאַמקייט. ביי אַ געהעריקער זאָרג וועגן דער האָזיקער אָרגאַניזאַציע מצד אַלע לערער און דערציער און ביי אַ געהעריקן קאָנטאַקט פון דער שול־לייטונג מיט די אָנפירנדיקע אָרגאַנען פון דער האָזיקער אָרגאַניזאַציע, קען זי ווערן אַ שטאַרקער און פּאָזיטיווער פאַקטאָר אין שול־לעבן. דער קאָנטאַקט פון דער שול מיטן האַרצעוויש דאַרף גיין סיי אין דער ברייט, ד. ה. אויף דער ליניע פון אָרגאַניזאַציאָנעלער פאַרשטענדיקונג און פאַרבינדונג, סיי אין דער טיף, ד. ה. אין דער ריכטונג פון קאָאָרדינירן די דערציערישע אַרבעט, פון ביידע אינסטיטוציעס, וועלכע דערגאַנצן זיך קעגנזייטיק. כדי צו פאַרזיכערן דעם האָזיקן קאָנטאַקט, איז נויטיק, אַז דער אינסטרוקטאָר פון דער קינדער־אָרגאַניזאַציע (אויב ער געהערט נישט צום לערער־קאָלעקטיוו פון דער געגעבענער שול) זאָל זיך באַטייליקן אין די זיצונגען פון פּעדאַגאָגישן ראַט.

* * *

די אַנטשטייונג פון דער מלוכה ישראל האָט אַריינגעטראָגן אַ טיפע ענדערונג און האָט געשאַפן אַ נייע סיטואַציע אין אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן. פּנים אל פּנים מיטן געשעענעם פאַקט, אַז צו דער גרויסער משפּחה פון אומאָפּהענגיקע פעלקער איז צוגעקומען אַלס יונגסטע קינד די מדינת ישראל, האָבן פאַרלוירן יעדן זין אונדזערע פריערדיקע קאַמפן אַרום דעם פּראָבלעם גופא פון אַ יידישער מלוכה. די האָזיקע קאַמפן, וועלכע האָבן אונדז אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט געטיילט אידעאָלאָגיש און פּאָליטיש, געהערן שוין היינט צו דער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט, און אין דער באַציונג צום עצם קיום פון דער מדינה ישראל האָבן מיר שוין היינט אַן איינהייטלעכן נאַציאָנאַלן פראָנט פון גאַנצן פּוילישן יידנטום, וועלכער שטייט ווי אַ שוצמויער אַרום דער יידישער מלוכה אין איר העלדנמוטיקן געראַנגל פאַר פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט קעגן די אַנגלאָ־זאַקסישע אימפּעריאַליסטן און זייערע אַראַבישע וואַסאַלן.

נאַטירלעך, הייסט עס נישט, אַז ס'זיינען שוין ליקווידירט געוואָרן אַלע חילוקי דעות בנוגע די פּערספּעקטיוון פון דער יידישער מלוכה און בנוגע די פּאָליטישע ריכטליניעס, וועלכע דאַרפן גאַראַנטירן איר קיום און איר ווירקלעכע אומאָפּהענגיקייט. דער טראַגישער גורל האָט געוואָלט, אַז די ערשטע יונגע שפּראָצונגען פון דער יידישער מלוכהשאַפט וועלכע האָבן זיך דורכגעבראָכן אַ וועג דורך די פעלזיקע מדבריות פון פּאַלעסטינע נאָך לאַנגע דורות פון היסטאָרישער לעטאַרגיע, זאָלן אָנטרעפן אויף אַ וווּלקאַנישן באָדן, ווי ס'ביגן זיך און קרייצן זיך די אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן פון די אַנגלאָזאַקסישע מלוכות. און אויף אַ תקופה פון דעצידירנדיקע קאַמפן צווישן דער פאַרשפּילטער וועלט פון דער־

אקציע און מלחמה און דער אויפגייענדיקער וועלט פון דעמאָקראַטיע און שלום.

דעם דאָזיקן טראַגישן פאַקט קאָן מען אָבער נישט ענדערן און דעריבער גיבן זיך אָפּ א חשבון אַלע אויפריכטיק דעמאָקראַטישע און פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון פּוילישן יידנטום — די עלעמענטן, אויף וועלכע ס'שטיצט זיך אונדזער דערציונגס־פּראָגראַם — אַז די יידישע מלוכה קען פאַרפעסטיקן און פאַרזיכערן איר קיום נאָר און אויסשליסלעך אין א ברודערלעכער פאַרבינדונג מיט יענע אינטערנאַציאָנאַלע און סאָציאַלע כוחות, צו וועלכע ס'געהערט דער מאָרגן, ד.ה. מיטן ר״פ, די פאָלקס־דעמאָקראַטישע מלוכות און מיטן אַלוועלטלעכן אַרבעטער־קלאַס. דאָס זיינען די זעלבע כוחות, וועלכע האָבן דערמעגלעכט דאָס אויפקומען פון דער יידישער מלוכה און וועלכע זיינען באמת פאַראינטערעסירט אין איר ווייטערדיקן קיום. א פעסטער קורס אויף די דעמאָקראַטישע מלוכות אין דער אויסערן־פּאָליטיק און ווירקלעכע דעמאָקראַטיע אין דער אינערלעכער פּאָליטיק — אָט דאָס זיינען די צוויי פאַרייניקטע אַספּעקטן פון דער איינהייטלעכער ריכט־ליניע, וועלכע עפנט פאַר דער יידישער מלוכה א פּערספּעקטיוו פון ווירקלעכער פרייהייט און ווירקלעכער זעלבשטענדיקייט.

אומאָפּהענגיק פון דעם אַנגעוויזענעם גורל־פּראָבלעם פון דער יונגער יידישער מדינה דאַרף אָבער פעסטגעשטעלט ווערן, אַז דער פאַקט גופא, אַז ס'איז אויפגעקומען א יידישע מלוכהשאַפט, איז טיף אַריינגעדרונגען אין נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין פון יעדן יידן און האָט דערגאַנצט און געענדערט אונדזער נאַציאָנאַלע מענטאַליטעט.

מיר פילן זיך שוין היינט ווי א פאָלק, וואָס לעבט זיך אויס נאַציאָנאַל, פּאָליטיש און געזעלשאַפטלעך אין צוויי פאַרשידענע פאָרמען: אין דער פאָרם פון א זעלבשטענדיקער מלוכהשאַפט אין ארץ־ישראל און אין דער פאָרם פון איינגאַרטיקע נאַציאָנאַל־שעפערישע קיבוצים אין אַנדערע מלוכות און צווישן אַנדערע פעלקער. דעריבער גיבן מיר זיך אָפּ א חשבון, אַז יעדע פון די דאָזיקע פאָרמען האָט א זכות הקיום, אַז זיי ביידע פאַרמאָגן סימנים פון סטאַבילקייט און פון קעגנזייטיקער השפעה. יעדער איינע פון זיי פאַרברייטערט און פאַרטיפט מיט א באַשטימטן דערגאַנצנדיקן אַספּעקט דאָס נאַציאָנאַלע זעלבסטגעפיל, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צווייטער.

פון דער אַנדערער זייט ווערט אויך אין ארץ־ישראליקן ישוב, לכל הפּחות אין זיינע פּראָגרעסיווע קרייזן, רייף די פאַרשטענדעניש, אַז דער א. ג. „גלות" — דאָס איז דאָס נאַטירלעכע הינטערלאַנד פון דער יידישער מלוכה און די נויטווענדיקסטע און זיכערסטע גאַראַנטיע פון איר עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג.

אָט דער דאָזיקער היסטאָרישער איבערברוך, וועלכער עפנט אַן אַלט־נייַ בלעטל אין דער געשיכטע פון אונדזער נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, קאָן און דאַרף ראַדיקאַל ענדערן אין פּאָזיטיוון זין די סיטואַציע אויפן יידישן דערציונגס־פראָנט אין פּוילן. עס איז פאַרשוווּנדן דער תחום, וועלכער האָט געטיילט אונדזער פעלקערשאַפט אויף צוויי מחנות און האָט געשטערט יעדער איינער פון זיי צו

דערפילן בשלמות ביידע גרונט־עלעמענטן פון אונדזער דערציונגס־פראגראם — דעם דעמאקראטיש־פאטריאטישן און נאציאנאל־יידישן. היינט איז שוין נישט פאראן קיין שום מניעה צו רעאליזירן דעם סינטעז, צו וועלכן מיר שטרעבן, נעמליך: דערציען הונדערט־פראצענטיקע פאטריאטן פון דעמאקראטישן פוילן, וועלכע זאלן גלייכצייטיק זיין הונדערט־פראצענטיקע יידן, דערציען יינגע דורות, וועלכע זאלן שטיין מיט ביידע פיס אויף דער פוילישער ערד און זאלן גלייכצייטיק טראגן אין זייערע הערצער און אין זייער באוווסטזיין דעם טיפסטן סענטימענט פאר דער יידישער מלוכה, די ברידערלעכע גרייטקייט צו העלפן איר מאראליש און מאטעריעל און די פארשטענדעניש פון איר ראל און פון איר באדייטונג סיי אין דעם יידישן, סיי אין דעם אינטערנאציאנאלן לעבן. דווקא אין דעמאקראטישן פוילן. אין דער מלוכה, וועלכע האט אזעלכע גרויסע פארדינסטן פארן יידישן פאלק, האט דער דאזיקער סינטעז א באזונדערס גינסטיקן באדן.

ווי ס'איז שוין געזאגט געווארן, איז דער דערציונגס־פלאן פולשטענדיק צוגעגרייט געווארן צום דרוקן איידער די אנטשטייאונג פון דער יידישער מלוכה איז געווארן א היסטארישער פאקט. צוליב טעכנישע סיבות האב איך שוין נישט געהאט קיין מעגלעכקייט אריינצופירן דעם דאזיקן פאקט אין זיין פולן פארנעם אין אונדזער דערציונגס־פראגראם און צו קאנקרעטיזירן די געהעריקע טעמאטיק סיי אויף דער ליניע פון דערציונג, סיי אויפן דידאקטישן געביט (בפרט האב איך שוין נישט באוויזן אונטערצושטרייכן די גרויסע היסטארישע ראל, וועלכע דער ראטנפארבאנד און די פאלקס־דעמאקראטישע מלוכות מיט פוילן אין דער שפיץ — האבן געשפילט ביי די חבלי־לידה פון דער יידישער מלוכה און שפילן אויך ווייטער ביים פארזיכערן איר קיום און איר אומאפהענגיקייט). די געציילטע קלענערע אויסבעסערונגען, וועלכע איך האב יא באוויזן אריינצוטראגן אין לעצטן מאמענט, שעפן ווייט נישט אויס דעם טעמאטישן קאמפלעקס, וועלכער איז פארבונדן מיט דער מלוכה ישראל. דעריבער האלט איך פאר נויטיק צוצוגעבן, אז דער דאזיקער קאמפלעקס דארף אלזייטיק באריקזיכטיקט ווערן אין אונדזער לעבן — אין דערציונגס־פראגראם: דער פרינציפ פון אקטואליזאציע, וועלכע פאדערט, אז די שול זאל זיך אין א געהעריקער פארם אפרופן אויף די וויכטיקסטע לויפנדיקע פאליטיש־געזעלשאפטלעכע געשעענישן, מוז אריינגעמען אויך די אקטועלע פראבלעמען פון דער יידישער מלוכה סיי אין דער פארם פון דערציערישער אינפארמאציע, סיי אויך אין דער פארם פון אקטיווע מעשים (צום ביישפיל: באטייליקן זיך אין פארשידענע אלגעמיינע אומפארטייאישע אקציעס לטובת דעם קעמפנדיקן ישראל). די היסטארישע דאטע פון 15־טן מאי 1948 דארף געפייערט ווערן אין אונדזערע שולן אלס אן אלגעמיינער פאלקס־יום־טוב. די ישראל־טעמאטיק דארף אריינגענומען ווערן אין אונדזערע שמועסן און אין דעם לייען־מאטעריאל (טיילווייז ווערט שוין דאס דורכגעפירט אין אונדזערע נייע כרעסטאמאטיעס). דער לימוד פון געאגראפיע און פאלקס־קענטעניש דארף איינשליסן אן אלזייטיקן איבערבליק איבער דער מדינת ישראל א' א'.

דער דאזיקער טעמאטישער קאמפלעקס דארף דערגאנצן און פארפולקומען אונדזער דערציונגס־פראגראם נישט אויסקרומענדיק און נישט אריינטראגנדיק

קיין אינערלעכע סתירה אין דער פשוטער און גראָדער ליניע פון אונדזער דער־ציונג, וועלכע דאַרף אין הסכם מיט דער רעזאָלוציע פון דער לאָדזשער לערער־קאָנפערענץ — רעאַליזירן אויפן ייִדישן אָפּשניט און אין אַ נאַציאָנאַל־ייִדישער פאָרם די אַלגעמיינע צילן פון דער פּוילישער מלוכהשער שול, דאָס הייסט די צילן פון דעמאָקראַטישער און פּאַטריאָטיש־פּוילישער דערציונג.

* * *

דער מערכטיקער סטיכישער דראַנג צו נאַציאָנאַלער און דעמאָקראַטישער אייני־קייט, וואָס האָט באַהערשט דאָס גאַנצע אייראָפּעישע ייִדנטום און באַזונדערס דעם ייִדישן ישוב אין פּוילן אין רעזולטאַט פון אונדזער נאַציאָנאַלער קאַטאַס־טראָפע, ווי אויך די פאַרשטענדניש, אַז אין דער נייער, נאָכמלחמהדיקער ייִדישער ווירקלעכקייט איז געוואַלטיק געשטיגן — סיי אין כמות, סיי אין איכות — די אַבסאָלוטע און רעלאַטיווע וואָגיקייט פון דעם ייִדישן ישוב אין ארץ־ישראל, האָבן געמוזט אַריינברענגען אַ נייע ווענדונג נישט נאָר אין אונדזערע צווישנפאַר־טייאישע באַציונגען, נאָר אויך אין אונדזער קולטור־אַטמאָספער. פּאַראַלעל און אין אַ באַשטימטער פאַרבינדונג מיט דער וואַקסנדיקער פּאָזיטיווער אָפּשאַצונג פון דעם נאַציאָנאַל־באַפרייערישן קאַמף. פון דעם ייִדישן ישוב אין ארץ־ישראל זיינען אויפגעקומען אין משך פון די לעצטע פּאָר יאָרן נייע טענדענצן און אַ נייער גייסט אין דער אָפּשאַצונג פון פאַרשידענע עלעמענטן און פאָרמען פון אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור. דער דאָזיקער נייער קולטור־קלימאַט איז בולט געקומען צום אויסדרוק אויף דער פּאַריזער קולטור־קאָנפערענץ. אויב די אַנט־שטייונג פון דער ייִדישער מלוכה האָט ליקווידירט אין דער באַציונג צום עצם קיום פון ישראל אונדזערע פּאָליטישע קאַמפן האָט די פּאַריזער קאָנפערענץ גע־שפּילט אַן ענלעכע (אָבער נישט די זעלביקע) ראָל אין אונדזער קולטור־קאַמף: זי האָט אים, נאַטירלעך, נישט ליקווידירט (ווייל קולטור־טראַדיציעס זיינען אַ סך דויערהאַפטער, ווי פּאָליטישע איינשטעלונגען), אָבער זי האָט אים באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט. מיר האָבן געפונען אין פּאַריז אַ געמיינזאַמע שפּראַך און מיר זיינען געקומען צו אַ באַשטימטן הסכם (אונטערגעשטראָכן: הסכם, נישט קאָמפּ־ראָמיס) בנוגע דער אַלטער שטרייט־פראַגע: ייִדיש־העברעיש. סיי אין די רעפּע־ראַטן, וועלכע זיינען געהאַלטן געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ, באַזונדערס אין דעם רעפעראַט „וועגן די ריכטליניעס פון אַן איינהייטלעכער ייִדישער דערציונג„, סיי אין די רעזאָלוציעס איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן די שעדלעכע און אַנטינאַציאָנאַלע קאָנצעפּציע פון אַ „ייִדישער נאַציע” מיט אַ „העברעישער נאַציע” און ס'איז בולט געקומען צום אויסדרוק דער ריכטיקער און געזונטער שטאַנדפּונקט, אַז ס'איז דאָ איין ייִדיש פאָלק און איין ייִדישע נאַציאָנאַלע קולטור, וועלכע אַנטפּלעקט זיך אין אונדזערעביידע שפּראַכן — אין ייִדיש און אין העברעיש (נישט גערעדט וועגן דעם, אַז באַזונדערע נאַציאָנאַל־ייִדישע קולטור־ווערטן ווערן געשאַפן דורך ייִדן אויך אין אַנדערע שפּראַכן). אין דעם דערמאָנטן רעפעראַט, וועלכער האָט געפונען די פולע צושטימונג פון דער קאָנפערענץ, ווי אויך אין די באַשלוסן פון דער שול־קאָמיסיע איז קלאָר און דייטלעך פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער העב־

רעיש־לימוד איז איינער פון די יסודותדיקע עלעמענטן פון אונדזער לערן־פּלאַן (העבריי איז גלייכצייטיק אַרויסגערוקט געוואָרן די פֿאָדערונג, אַז דער יידיש־לימוד זאָל אַבליגאַטאָריש אַריינגעפירט ווערן אין דער מלוכהשער העברעישער שול פון ישראל). נישט לשם קאָמפּראָמיס, נישט אַלס צייכן פון וואַפנשטילשטאַנד האָבן מיר אַריינגענומען דעם העברעיש־לימוד אין אונדזערע פּראָגראַמען, נאָר ווייל מיר האָבן די ערנסטע און אויפריכטיקע איבערצייגונג, אַז דער דאָזיקער לימוד האָט צו דערפילן אַ באַשטימטע וויכטיקע פונקציע אין דער נאַציאָנאַלער און גייסטיקער דערציונג פון אונדזערע יונגע דורות. שטייענדיק פעלחונפעסט אויפן יסוד פון דער יידישער לערנשפּראַך אין די יידישע שולן אין פּוילן און אין אַלע אַנדערע לענדער, וווּ יידיש איז די פּאַקטישע פאָלקס־שפּראַך פון די יידישע מאַסן, גיבן מיר גלייכצייטיק אָפּ דעם העברעיש־לימוד אַזאַ פּלאַץ, וועלכער דרינגט אַרויס פון זיינע ספּעציעלע צילן אין די אַלגעמיינע ראַמען פון אונדזער לערן־ און דערציונגס־פּראָגראַם און וועלכער איז אין הסכם מיט די אָביעקטיווע פּעדאַגאָגישע גרונטפּרינציפּן.

ס'איז קלאָר, אַז די אויבנאָנגעוויזענע נייע איינהייטס־טענדענצן אין אונדזער קולטור־לעבן זיינען מסוגל צו ווערן אַ קאָנסאָלידירנדיקער פּאַקטאָר אין אונדזער שול־אַרבעט. דער לערן־פּראָגראַם פון אונדזערע שולן, וועלכער נעמט אַריין אין אַ באַשטימטער פּראָפּאָרץ סיי דעם לימוד פון יידיש, סיי דעם לימוד פון העברעיש, ווי אויך אונדזער דערציונגס־פּלאַן, וועלכער שטרעבט האַרמאָניש איינצושליסן אין אונדזער הייטצייטיקער שול־הומאַניסטיק די ווערטפולסטע העברעישע קולטור־ און דערציונגס־עלעמענטן, גייען אַרויס אַ דאַנק אַט די נייע טענדענצן פון דער סטאַדיע פון (ריכטיקע) טעאָרעטישע קאָנצעפּציעס און באַקומען אַ באַשטעטיקונג און אַן אָנשפּאַר אין דער יידישער ווירקלעכקייט. גלייכצייטיק וועלן זיי מיטהעלפן צו פאַראייניטלעכן דאָס גייסטיקע פּנים פון אונדזער לערערשאַפט.

אין דעם פאָרוואָרט צום דאָזיקן דערציונגס־פּלאַן האָב איך העכער מיט אַ יאָר צוריק געשריבן, אַז אונדזער פּעדאַגאָגישע טראַגעדיע באַשטייט אין דעם, וואָס דאָס יידישע לעבן אין פּוילן האָט נאָך נישט געשאַפן דעם גייסטיקן מאָדעל פון איינהייטס־יידן, וועלכן מיר, פּעדאַגאָגן, וואָלטן געדאַרפט האָבן אַלס דערציונגס־מוסטער. איך האָב דאַן אַפּעלירט צו אונדזער לערערשאַפט, זי זאָל דורכפירן אַ פּיאָנערישע זעלבסט־דערציונגס־אַרבעט אין דער דאָזיקער ריכטונג, דאָס הייסט זי זאָל קודם־כל זיך אַליין „מאָדעליזירן" אין גייסט פון נאַציאָנאַלער און דעמאָקראַטישער איינהייט. דאַן — העכער מיט אַ יאָר צוריק — האָט דער דאָזיקער אַפּעל געקלונגען ווי אַ קול קורא במדבר — היינט — נאָכדעם ווי ס'איז געבוירן געוואָרן די מלוכה ישראל, און ס'איז געשאַפן געוואָרן אויף דער פּאַריזער קאָנפערענץ דער איינהייטלעכער קולטור־פראָנט — היינט זענען שוין דאָ די באַ־

דיגונגען, ביי וועלכע דאָס לעבן קאָן שאַפֿן און וועט שאַפֿן דעם מוסטער־מאָדעל פֿון אונדזער דערציִונג. נאַטירלעך, דאַרפֿן מיר לערער געדענקען, אַז דאָס לעבן, דאָס אַנאָנימע לעבן, שאַפֿט פֿון זיך אַליין גאָרנישט, אַז געשיכטע מאַכט דער מענטש און דווקא דער לערער און דערציִער דאַרף האָבן די אַמביציע צו מאַכן געשיכטע אין די פֿיר ווענט פֿון דעם קלאַסנצימער.

די פֿאַרמלוכהשונג פֿון אונדזערע שולן עפֿנט פֿאַרן יידישן שול־וועזן ברייטע פּערספּעקטיוון פֿון וווּקס און אַנטוויקלונג. דאָס בילדונגס־מיניסטעריום האָט אָן שום באַוואָרעניש אַקצעפּטירט דעם פּרינציפּ פֿון אַ נאַציאָנאַלער יידישער שול מיט דער יידיש־לערנשפּראַך און מיט אַ לערנפּלאַן, וועלכער נעמט אַריין אַלע אונדזערע נאַציאָנאַלע לימודים: יידיש, העברעיש און יידישע געשיכטע. אומאָפּהענגיק פֿון דעם האָט די שול־מאַכט באַשטעטיקט די גרונט־יסודות פֿון דעם דאָזיקן דערציִונגס־פּלאַן, וועלכער באַקומט אַזוי אַרום די סאַנקציע פֿון דער מלוכה.*) גלייכצייטיק האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט באַקומען די געהעריקע פֿאַרזיכערונגען, אַז אַלע פּראַקטישע פּראָבלעמען, פֿון וועלכע ס'איז אָפּהענגיק דער נאַציאָנאַלער פּרצוף פֿון אונדזער שול (ווי לערער־קאַדרען, פּראָגראַמען און לערנביכער פֿון די נאַציאָנאַלע לימודים, אויפֿזיכט איבער די יידישע שולן, באַפֿעסטיקונג פֿון זייער געזעלשאַפֿטלעכער באַזע און אַנד.), וועלן געלייזט ווערן און סיסטעמאַטיש רעאַליזירט ווערן אויף אַזאַ אופֿן, אַז אונדזערע שולן זאָלן זיך נאָרמאַל אַנטוויקלען אַלס נאַציאָנאַלע יידישן שולן.

די דאָזיקע נייע סיטואַציע גיט אונדזער שולוועזן די ברייטסטע מעגלעכקייטן פֿון אַנטוויקלונג. מיר מוזן זיך אָבער אָפּגעבן אַ חשבון, אַז גלייכצייטיק ליגט זי אַרויף אויף אונדזערע שול־טוער און אויף אונדזער לערער־שאַפֿט אַ גרויסע אחריות.

די דעמאָקראַטישע פּוילישע רעגירונג קען נאָר שאַפֿן די געהעריקע רעכט־לעכע און אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען פֿאַר אַ נאַציאָנאַלן יידישן שול־וועזן און זי קען פֿאַרזיכערן דעם דאָזיקן שול־וועזן די נויטיקע אָביעקטיווע מעגלעכקייטן פֿון אַנטוויקלונג. אָבער אָנפֿילן די דאָזיקע ראַמען און אויסנוצן די דאָזיקע מעגלעכקייטן — דאָס איז שוין אונדזער אויפֿגאַבע און אונדזער חוב. פֿון אונדזערע אָנשטרענגונגען, פֿון אונדזער אַקטיווקייט, פֿון דער אידעאישער גראָדליניקייט און פֿעסטקייט פֿון יעדן לערער, פֿון דעם ניוואָ און פֿון דעם גייסט פֿון אונדזער אַרבעט ביים רעאַליזירן סיי דעם לערנפּלאַן, סיי דעם דערציִונגס־פּראָגראַם, ווי אויך פֿון אונדזער קאָנטאַקט און פֿון אונדזער השפּעה אויף דער יידישער סביבה וועט זיין אָפּהענגיק, אַז די דאָזיקע מעגלעכקייטן זאָלן זיך פֿאַרוואַנדלען אין פֿאַקטישע דערגרייכונגען.

צום סוף נאָך איין באַמערקונג. דער דערציִונגס־פּלאַן שטיצט זיך אויף אַ סכעמע פֿון אַן 8־קלאַסיקער גרונט־שול, ווייל דאַן ווען ער איז געשריבן געוואָרן (ד. ה. אין יאָר 1947) איז די דאָזיקע סכעמע געווען אָפֿיציעל אָנגענומען: ערשט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק איז באַקאַנט געוואָרן, אַז די נייע סטרוקטור פֿון דער פּוילישער מלוכה־שול וועט פֿאַר אַ 7־קלאַסיקע גרונט־שול.

*) Pismo Minist. Oświaty z dnia 26 sierpnia 1948 r. Nr VI Oc - 1887-48

היות ווי די דאָזיקע רעפאָרם טראָגט נישט אַריין קיין וועזנטלעכע ענדערונגען אין די גרונט־יסודות פון דעם דערציִונגס־פּלאַן און אַזוי ווי צוליב טעכנישע סי־בות איז שוין נישט מעגלעך געוועזן איבערצואַרבעטן געוויסע פראַגמענטן פון דעם פּלאַן, וואָס פריִער ווערט ער געדרוקט לויטן לכתחילהדיקן טעקסט. איבעריקנס וועט זיך יעדער לערער און דערציִער לייכט אָריענטירן — נעמענדיק אין אַכט צווישן אַנדערע די נייע פּראָגראַמען פאַר דער 7־קלאַסיקער גרונט־שול, *)—וועלכע פראַגמענטן פון דערציִונגס־פּלאַן דאַרפן אַנטשפּרעכנדיק מאָדיפיצירט ווערן

סוף

*) Patrz Dziennik Urzędowy Ministerstwa Oświaty № 7

אָטוואָצק, נאָוועמבער 1948 י.

# יערלעכע רשימה פון יום־טובים און פייערלעכקייטן

| חדשים | |
|---|---|
| סעפטעמבער — תשרי | ראש השנה<br>יום־כפור } = ימים נוראים |
| אָקטאָבער — " " | סוכות |
| דעצעמבער — כסלו | חנוכה |
| מערץ — אדר<br>אפריל — " | פורים |
| אפריל — ניסן<br>מאי " | פסח |
| מאי — אייר | ל"ג בעומר |
| מאי — יוני — סיון | שבועות |
| סעפטעמבער | דערעפענונג פון נייעם שול־יאָר; |
| נאָוועמבער (7) | די פייערונג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע; |
| " | דער יאָרטאָג פון דעם נאָוועמבער־אויפשטאַנד (אַ שמועס) |
| דעצעמבער | שול־יום־טובים אין צוזאַמענהאַנג מיט די ווינטער־פעריען און מיטן נײ־יאָר; |
| יאַנואַר | דער יאָרטאָג פון דעם יאַנואַר־אויפשטאַנד (שמועס); |
| " (21) | דער יאָרטאָג פון לענינס טויט; |
| פעברואַר | דער טאָג פון דער רויטער אַרמיי; |
| אפריל (19) | דער געדענק־טאָג פון דעם געטאָ־אויפשטאַנד; |
| מאַי (1) | אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער יום־טוב; |
| " (3) | די קאָנסטיטוציע פון 3־טן מאַי (שמועס); |
| " (9) | דער טאָג פון זיג; |
| " (15) | די פּראָקלאַמירונג פון דער מלוכה ישראל. |
| יוני | די פאַרענדיקונג פון שול־יאָר (סיום). |

* *
*

חוץ דעם ספּעציעלע אַקאַדעמיעס, געווידמעט שלום־עליכמן, פּרצן, קאָרטשאַקן און אַנדערע.

פייערלעכקייטן אין צוזאַמענהאַנג מיט אונדזערע נאַציאָנאַלע יום־טובים דאַרפן דורכגעפירט ווערן אין וועלטלעכן גייסט, אָבער אין אַ שטימונגספולער, דער הויבענער אַטמאָספער.

# דירעקטע קוועלן


1. רעזאָלוציע פון דער ערשטער יידישער לערער־קאָנפערענץ אין לאָדזש.
2. ל. לאָזאָווסקי — פּראָגראַמען פון דעם יידיש־לימוד.
3. " " — די צילן פון דעם יידיש־לימוד
און די פאָדערונגען צום יידיש־לערער.
4. מגר. טרונק — פּראָגראַם פון יידישער געשיכטע.
5. מגר. נ. אוריסאָן — פּראָגראַם פון העברעאיש־לימוד.

ארויסגעגעבן דורכן צ. ק. פון די יידן אין פוילן. (העקטאָגראַפירט)


## Źródła bezpośrednie


6. Minist. Oświaty — Plany godzin i programy przejściowe na rok szkony 1946/47 dla Szkół Powsz. P. Z. W. Szk., W-wa, 1946.
7. Minist. Oświaty — Ogólnopolski Zjazd Oświatowy w Łodzi 18-22 czerwca 1945 r. P. Z. W. Szk. W-wa 1945
8. Prof. J. Chalasiński — Socjologiczne założenia reformy wychowania. Bibliot. „Myśli Współcz." № 2, Łódź, 1946 r.
9. Dr. Żanna Kormanowa — Reforma szkolnictwa w Anglii i we Francji. Bibliot. nauczyciela-demokraty P. Z. W. Szk. W-wa, 1946 r.

## ŹRÓDŁA BEZPOŚREDNIE


**Dr. Bogdan Nawroczyński** — Współczesne prądy pedagogiczne. encyklop. wychow. t. I.

**Henryk Rowid** — Szkoła twórcza, Kraków 1931.

**L. Zarzecki** — Szkoła pracy, W-wa 1921.

„ — Charakter i wychowanie, W-wa 1924.

**F. Znaniecki** — Socjologia wychowania, W-wa 1929.

**W. Z. Zienkowski** — Psychologia dziecięctwa, W-wa 1929.

**Stefan Szuman prof.** — Psychologia wychowawcza wieku szkolnego Kraków 1947.

**R. Taubenszlag** — Samorząd uczniowski jako czynnik wychowania

**J. Korczak** — Momenty wychowania, W-wa 1924.

**Marks-Engels** — Manifest komunistyczny.

**Makarenko** — Poemat pedagogiczny (ros.)

„O niektórych odchyleniach w systemie Narkomprosów" — Uchwała C.K.W.K.P.(b), 1936 (ros.)

**M. I. Kalinin** — O komunistycznym wychowaniu, Moskwa 1945.

A. Kairow — Aktualne zadania akademii nauk pedagogicznych. miesięcznik „Pedagogika radziecka" Nr. 12, 1946.

**A. K. Bussla** — Treść ideowo-polityczna wychowania komunistycznego miesięcznik „Pedagogika radziecka" Nr. 10—11, 1946.

**N. K. Gonczarow** — Cele i zadania wychowania komunistycznego miesięcznik „Wychowanie w przedszkolu" Nr. 7, 1945.

**K. N. Korniłow** — Psychologia, Moskwa 1946

**Maks Adler** — Neue Menschen, Berlin 1924.

**E. Gloparêde** — Szkoła na miarę, W-wa 1928.

**Fr. W. Foerster** — Szkoła i charakter, Lwów 1928.

„ „ — Wychowanie obywatelskie, W-wa 1929.

„ „ — Wychowanie i samowychowanie, W-wa 1920.

„ „ — Profil osobistości, Przegląd współczesny, Kraków 1925 — tom XII.

**Georg Kerschensteiner** — Charakter, jego pojęcie i wychowanie, W-wa 1932.

„ — Pojęcie szkoły pracy, W-wa 1926.

„ — Theorie der Bildung, Leipzig 1926.

**J. Dewey** — Szkoła a społeczeństwo, W-wa 1924.

„ — Szkoła i dziecko, W-wa 1933.

**Paul Natorp** — Socialidealismus. Berlin 1920.

**Sergiusz Hessen** — Podstawy pedagogiki, W-wa 1931.

**E. Dürkheim** — Education et Sociologie, tłum. polskie u Stanisława Kotta „Źródła do historii wychow." cz. II.

**Charlotte Bühler** — Dziecięctwo i młodość, Geneza świadomości W-wa 1933.

**A. Ferriere** — Samorząd uczniowski. W-wa 1933.

społecznego, W-wa 1932

**Rudolf Lehmann** — Die pädagog. Bewegung der gegenwart. München 1922—1923.

**Ernst Hierl** — Die Entstehung der neuer Schule. Leipzig. 1911.

# אינהאַלט


1. פאָרוואָרט פון דער צענטראַלער בילדונגס-אָפּטיילונג . . . . 3 – 4
2. די רעזאָלוציע פון דער ערשטער יידישער לערער-קאָנפערענץ אין לאָדזש. (נאָוועמבער 1946) . . . . . 5 – 6
3. פאָרוואָרט פון מחבר . . . . . . . . . 7 – 17
4. אונדזער יחוס-בריוו . . . . . . . . . . 19 – 28
5. די געשטאַלטונג פון דער פערזענלעכקייט . . . . . . . 29
   א) יחוד און כלל . . . . . . . . . . . . 29 – 31
   ב) געפיל און פארשטאַנד . . . . . . . . . 31 – 41
   ג) כאַראַקטער-בילדונג . . . . . . . . . 42 – 44
6. די דערציונגס-פאַקטאָרן . . . . . . . . . . 45 – 58
7. דער תמצית פון לערנמאַטעריאַל און זיינע קאָרעלאַציעס . . 59 – 77
8. נ אָ כ וו אָ ר ט . . . . . . . . . . . . . . 83 – 92
9. דירעקטע קוועלן
10. ביבליאָגראַפיע
11. אינהאַלט


## ביילאַגעס:


א) מאָנאַטלעכע דערציונגס-פּלענער
ב) יום-טובים און פייערלעכקייטן.

B-61350